יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 107	Łódź, Wtorek 9 maja 1933 r.	עלפטער יאהרגאנג	לאדז, דינסטאג, י"ג אייר תרצ"ג	№ 107

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

פראפ. מאשטשיצקי
אויפסניי געוועהלט אלס מלוכה־פרעזידענט
היינט וועט דער נייער פרעזידענט אפגעבען די שבועה אין שלאס

אויף דער וויעסקא־גאס

וו א ר ש א, 8 (טעלעפאניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט).

די וויעסקא גאס איז פון גאנץ פריה געווען אויפגעלעבט.

אַרום 9 אַ זייגער האָבען אָנגעהויבען צופאָהרען צום סיים די דעפוטאַטען. אַלע טויערען, וואָס פיהרען צום בנין, זענען געווען געשלאָסען און ס'זענען דאָרט געשטאַנען די וואַכשטעס פון סיים.

ביים אָפענעם טויער זענען געשטאַנען וואַכ־געס און די מאַרשאַלעק־וואַך און האָבען קאָנטראָלירט די לעגיטימאַציעס פון די דעפוטאַטען, וועלכע זענען אַהין אַריינגעגאַנגען.

אַרום 10 אַ זייגער האָט די פּאָליציי אויף דער וויעסקא־גאַס גענומען קאָנטראָלירען די אַלע פערביי־געהער די דאָקומענטען.

דער אויאַזדאָווער פּאַרק איז באַר געווען אָפען פאַר קינדער. די אָרדנונג איז געווען אַ מוסטער־האַפטע.

* * *

אויף 9 אַ זייגער איז געווען בעשטימט אַ פלענאַר־זיצונג

פון ב.ב.־קלוב

צו דער זיצונג זענען געקומען אַלע מיטגלידער אין קאָמפלעט.

אַלע דעפוטאַטען און סענאַטאָרען זענען געקו־מען געקליידט אין שוואַרץ. די געוועזענע מיליטער־לייט טראָגען זייער'ע אָרדערס.

די זיצונג האָט געעפענט דער פרעזעס סלאַוועק. ער האָט פאָרגעלעזען דעם בעשלוס פון קלוב־פרעזידיום אַרויסצושטעלען די קאַנדידאַטור פון פּראָפ. איגנאַצי מאָשטשיצקי אַלס נייעם מלוכה פרעזידענט.

די דעפוטאַטען און סענאַטאָרען שטעהען אויף פון די ערטער און מען רופט אויס: „זאָל לעבען"!

נאָכדעם שטעלט פעסט פרעזעס סלאַוועק, אַז די קאַנדידאַטור איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען און האָט געשלאָסען די זיצונג.

אין זאַל

האַלב 11 אַ זייגער האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאַמענקומען די דעפוטאַטען און סענאַטאָרען אין זיצונגס־זאַל פון סיים, וואו עס איז צום ערשטען מאָל דיך צוזאַמענגעקומען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג.

די דיפּלאָמאַטען־לאָזשע איז פול, אַלע פאַר־שטעהער פון די מלוכות זענען געקומען מיט זייערע סעקרעטאַרען און מיטגלידער פון די אַמ־באַסאַדעס און געזאַנדשאַפטען.

די גאַלעריע פאַר געסט איז איבערפולט.

אין דער לאָזשע פון מלוכה־פרעזידענט זענען אַריינגעקומען דער בעל־יועץ מיכאל מאשטשיצקי, שעף פון ציוויל־קאַנצעלאַריע קאלטשינסקי, גענעראַל אַדיוטאַנט, פּולקאָווניק גלאַגאָווסקי און די אַדיו־טאַנטען מאַיאָר יאַרגעלעוויטש און קאַפּיטאַן גאַ־זשעווסקי.

די זיצונג

פונקט 11 אַ זייגער האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלינג, וואָס האָט גערופען צו דער זיצונג.

11 מיט 5 מינוט זענען אַריין אין זאַל אַלע מיניסטאָרען און וויצע־מיניסטאָרען מיט'ן פרע־מיער פּריסטאָר בראָש און האָבען פערנומען די רעגירונגס־בענק.

די אָפּאָזיציע איז נישט געקומען צו דער זיצונג

11 מיט 45 מינוט האָט מאַרשאַלעק שוויטאַל־סקי געעפענט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. ער האָט בקיצור גערעדט וועגען רעגולאַמין און האָט פער־בעטען אין פרעזידיום אַלס סעקרעטאַרען די דע־פּוטאַטען: באַרעצקי, וואָיטאָוויטש און סקרישפּניק. די מיניסטאָרען: באַראַנסקי, וואַנקאָוויטש, הובּיצקי

נאָכדעם האָט דער סיים־מאַרשאַלעק פאָרגע־לעגט, מען זאָל אָנרופען קאַנדידאַטען.

פרעזעס סלאַוועק איז דאַן צוגעגאַנגען צום

דער אורנע און האָט אויסגערופען די נעמען פון די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וועל־כע זענען צוגעגאַנגען און אָפּגעגעבען זייערע שטי־מען.

די יודישע דעפּוטאַטען

זענען געווען אויף דער זיצונג און האָבען זיך בעטייליגט אין דער אָפּשטימונג.

דער ערשטער האָט אָפּגעגעבען זיין שטימע סענאַט־מאַרשאַלעק ראַטשקעוויטש און דער צווייטער — דער סיים־מאַרשאַלעק שוויטאַלסקי.

נאָך דער אָפּשטימונג האָט דער סיים־מאַרשאַ־לעק ערקלערט אַ פויזע אויף 15 מינוט און אין די

פרעזידיום און האָט איבערגעגעבען דעם סיים־מאַרשאַלעק אויפגעשריבען די קאַנדידאַטור פון פּראָפ. איגנאַצי מאָשטשיצקי.

אַ קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע־קאַנדידאַטור

דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט ראָזשעק האָט פאָרגעלעגט אַ דעמאָנסטראַציע־קאַנדידאַט יוליוש לעיסקי — לעשטשינסקי.

דער סיים־מאַרשאַלעק האָט די קאַנדידאַטור נישט אָנגענומען, ווייל אַזאַ קאַנדידאַט דאַרף הא־בען 50 אונטערשריפטען

די אָפּשטימונג

סענאַטאָר באַראַנסקי איז געשטאַנען נעבען

האָט אַרויסגערופען אין זאַל גרויס ענטוזיאַזם.

מיט 7 יאָהר צוריק איז פּראָפ. מאשטשיצקי אויסגעוועהלט געוואָרען מיט 281 שטימען.

צום ערשטען מאָל, איז אין פּוילען, דער פרע־זידענט אויסגעוועהלט געוואָרען מיט אַזאַ גרוי־סע צאָהל שטימען.

נאָך די וואַהלען האָט דער סיים־מאַרשאַלעק געהייסען דעם סעקרעטאַר פאָרצולייענען דעם פּראָ־טאָקאָל פון דער זיצונג.

פעסטשטעלענדיג, אַז דער פּראָטאָקאָל שטימט, האָט דער מאַרשאַלעק געשלאָסען די זיצונג אַרום האַלב 1 בייטאָג. ערקלערענדיג, אַז וועגען צוויי־טען טערמין וועט מען מודיע זיין אין די צייטונגען.

קאָמיסיע איז צוגעטרעטען איבערצוציהלען די שטימען.

פערעפענטליכט די אָפּשטימונג

12.25 האָט דער מאַרשאַלעק צוריק געעפענט די זיצונג און פאָרגעלעזען דעם רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג.

עס האָבען געשטימט 343 מיטגלידער, דערפון זענען 323 געווען פאַר'ן פּראָפ. מאשטשיצקי. 11 שטימען זענען געווען נישט גילטיג. די מעהרהייט מאַכט אויס 167 שטימען.

דער סיים־מאַרשאַלעק שטעלט פעסט, אַז אַלס נייער מלוכה־פרעזידענט איז געוועהלט געוואָרען פּראָפ. איגנאַצי מאשטשיצקי. די דאָזיגע ערקלערונג

פראפ. מאשטשיצקי

היינט וועט דער נייער מלוכה־פרעזידענט אָפּגעבען די שבועה

נאָכדעם ווי עס איז געשלאָסען געוואָרען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט די סיים־קאַנצעלאַריע פונאַנדערגעשיקט צו די דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען איינלאַדונגען אויף דער צווייטער זיצונג פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וואָס וועט פאָרקומען דעם 9־טען מאַי אין שלאָס און דער נייער מלוכה־פרע־זידענט וועט אָפּגעבען די שבועה.

פרעזידיום פון נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אין שלאָס

12.45 איז דאָס פרעזידיום פון דער נאַציאָ־נאַל־פערזאַמלונג אַוועק צום פרעזידיום פון מי־ניסטאָרען־ראַט פון וואַנען ביידע פרעזידיומס, מיט'ן פרעמיער פּריסטאָר זענען אָפּגעפאָהרען אין שלאָס און מודיע געווען דעם פרעזידענט מאשטשיצקי, אַז ער איז אויפסניי אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס מלוכה־פרעזידענט.

* * *

אַרום 2 אַ זייגער האָט מען מודיע געווען די פאָרשטעהער פון דער פּרעסע, אַז אויף דער היינטיגער צווייטער זיצונג פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אין שלאָס, וועט מען אָנפרעגען דעם פרעזידענט מאשטשיצקי, צי ער נעהמט אָן אויפ־סניי דעם פרעזידענטען־אַמט.

* * *

אַלס פרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובּ־ליק איז ווידער אויסגעקליבען געוואָרען דער ביז איצטיגער פרעזידענט פּראָפעסאָר איגנאַצי מאָש־טשיצקי. ער איז געוועהלט געוואָרען דורכ'ן קלוב פון דער מעהרהייט אין דער נאַציאָנאַלער פערזאַמ־לונג, דער קליינער צאָהל שטימען פון די יודי־שע דעפּוטאַטען און עטליכע אַנדערע גרופּירונגען. די וואַהל וועט אויפגענומען ווערען דורך אַלע פערנינפטיגע עלעמענטען פון דער בעפעלקערונג מיט אַ געפיהל פון פערלייכטערונג און סאַטיספאַק־ציע.

ביז אין די לעצטע טעג האָט מען נישט גע־וואוסט ווער עס וועט זיין דער קאַנדידאַט אויפ'ן אַמט פון פרעזידענט, אָט דעם העכסטען טרעגער פון דער מלוכה־מאַיעסטעט אין פּוילען. עס איז געווען קלאָר, אַז געוועהלט וועט ווערען דער קאַנ־דידאַט, וועלכען עס וועט אַרויסשטעלען דער קלוב פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי און אַז די פערזאָן פון פרעזידענט וועט אָנגעוויזען ווערען דורכ'ן מאַר־שאַל פּילסודסקי. עס זענען אָבער געווען ספקות, צי עס וועט פיגורירען די פערזאָן פון פּראָפעסאָר מאשטשיצקי. אָדער עס וועט בעשטימט ווערען אַנ־אַנדער קאַנדידאַט. ווייל אָפט און האַרטנעקיג זע־נען געווען די ידיעות, אַז פּראָפ. מאשטשיצקי בעט נישט צו נעהמען אין בעטראַכט זיין קאַנדידאַטור ביים וועהלען דעם נייעם הויפּט פון דער מלוכה.

דער בעשלוס צו וועהלען דעם ביז איצטיגען פרעזידענט און זיין הסכמה צו קאַנדידירען איז געווען געוואונשען, סיי פון פּאָליטישען שטאַנדפּונקט סיי צוליב די אייגענשאַפטען פון נייעם קאַנדידאַט. פּאָליטיש וועט די וואַהל פון פּראָפ. מאשטשיצקי ברענגען דערצו, אַז עס וועט אויסגעמיטען ווערען די פערשאַרפטע קאַמפּאַניע, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבען אַרום דער פערזאָן פון פרע־זידענט. און ביי דער איצטיגער סיטואַציע, סיי אין אינערליכען לעבען אין לאַנד, סיי פון שטאַנד־פּונקט פון דער אויסערליכער פּאָליטיק איז נאַ־טירליך געוואונשען אויסצומיידען יעטוועדע פער־שאַרפונג און פערשפּיצונג.

די פערזענליכע מעלות פון פרעזידענט האָט די געזעלשאַפט געהאַט די געלעגענהייט צו דער־

(ווייטער זייט 3. דיס).

שארפע חלוקי דעות
צווישען היטלער'ן און הוגענבערג'ן
הוגענבערג איז געגען דעם אנטיסעמיטישען קורס

וויען, 8 (יט"א טעלעגראפיש)
די עסטרייכישע האלב היטלעריסטישע פרעסע האט פערעפענטליכט אנ'אינטערוויאו מיט הוגענבערג'ס בעל-יועץ וועגען פערשידענע פאליטישע ענינים. פון דעם אינטערוויאו איז צו זעהען, אז צווישען הוגענבערג'ן מיט היטלער'ן איז דא א שארפער חלוקי דעות. הוגענבערג איז פאר אנ'אויטאנאמיע פאר די נאציאנאלע מינדערהייטען, און איז געגען דעם איצטיגען אנטיסעמיטישען קורס אין דייטשלאנד.

יודישע ספארט-פעראיינען אויסגעשלאסען
פון אלגעמיינעם ספארט-פערבאנד

פראנקפורט, 8 (יט"א טעלעגראפיש)
אלע יודישע ספארט-פעראיינען פון דרום-דייטשלאנד, זענען אויסגעשלאסען געווארען פון אלגעמיינעם ספארט-פערבאנד.

וויפיל דייטשע יודען האבען בעקומען וויזעס קיין א"י

לאנדאן. (יט"א) אויף דער לעצטער זיצונג פון ענגלישען פארלאמענט האט דעפ. בארנעט דזשענער אינטערפעלירט די רעגירונג, וויפיל דייטשע יודען האבען בעקומען וויזעס קיין א"י אהן פערשטענדיגונג מיט ירושלים אויפ'ן סמך פון דער פעראָרדנונג, אז דער ענגלישער פאספארטען-אמט אין בערלין האט אין זיין רשות 200 אימיגראציע-סערטיפיקאטען פאר דייטשע יודען, וועלכע בעזיצען נישט ווייניגער ווי 1000 פונט. ענטפערענדיג אויף דער אינטערפעלאציע, האט דער קאלאניאל-מיניסטער פעסטגעשטעלט, דאס די נויטיגע אינפארמאציעס ווערען ערשט געזאמעלט. וואס איז שייך דער פערגרעסערונג פון דער צאהל סערטיפיקאטען פאר דייטשע יודען, געהערט דאס צו די קאמפעטענצען פון הויך-קאמיסאר אין א"י.

אוקראינישע עקסצעסען געגען יודען
אין מזרח-גאליציען

לעמבערג, 8 (טעלעפאניש)
די יודישע בעפעלקערונג אין מזרח-גאליציען ליידען ווייטער פון אנפאלען פון אוקראינער פויערים.

אין דארף זשיטניצע האבען אוקראינער אויסגעהאקט די שויבען אין אלע יודישע הייזער.

אין דארף ציגאן האבען אוקראינער אנגעמאכט א חורבן אין יודישע הייזער, אויסגעהאקט שויבען און מעהרערע יודען פערוואונדעט מיט שטיינער.

א יודישע דעלעגאציע האט זיך געווענדעט צום ארטיגען סטאראסטע, וועלכער האט אוועקגעשטעלט אין די דערפער ארייַן פאליציי, וועלכע האט צוריקגעשטעלט די ארדנונג.

דייטשער פארשטעהער פאדערט,
אז דער פעלקערבונד זאל באיקאטירען יוד. אונטערנעמונגען

גענף, (י.ט.א.) א פיינליכען איינדרוק האט אין די פעלקערבונד-קרייזען געמאכט די פאדערונג, וועלכע עס האט ארויסגערוקט דער דייטשער פארשטעהער אין דער בוי-קאמיטע פון פעלקער-בונד-סעקרעטאריאט. דער דייטשער פארשטעהער האט נעמליך געפאדערט, אז דער קאנטראקט וועגען דער עלעקטרישער אינסטאלאציע אין דעם נייעם פעלקערבונד-פאלאץ זאל נישט אפגעשלאסען ווערען מיט א געוויסער יודישער פירמע, וואס די האט איהר זיך-ארט אין בערלין און וועלכע האט פארגעשטעלט א זעהר גינסטיגע אפערטע. דער פארשטעהער פון דייטשלאנד בעהויפטעט, אז קריסטליכע פירמען וועלען פארשטעלען גינסטיגערע אפערטען. די פראגע איז נאך נישט דעצידירט געווארען. דער אינצידענט וועט אבער נאך געפינען א ווייטערען אפקלאנג, ווען די אפערטע פון דער יודישער פירמע וועט בעשטעטיגט ווערען, וואס עס איז, אגב, העכסט-וואהרשיינליך.

אונזיכערע לאגע פון פוילישע מינדערהייט אין דייטש-אויבערשלעזיען
פעטיציע צום פעלקער-בונד

גענף. 8 (יט"א טעלעגראפיש)
דער סעקרעטאריאט פון פעלקער-בונד האט בעקומען א פעטיציע פון דער פוילישער מינדערהייט אין דייטש-אויבערשלעזיען וועגען זייער אונזיכערער לאגע.

זעלבסטמארד פון א בעקאנטע יודישע טעניס-שפילערין
7 מאל געוועזען מייסטעריז פון דייטשלאנד

אינסברוק, 8 (יט"א טעלעגראפיש)
אין בערלין איז בעגאנגען זעלבסטמארד די בעקאנטע יודישע טעניס שפילערין נעלי נעסטאך 39 יאהר אלט, וועלכע האט 7 מאל גענומען די מייסטערשאפט פון דייטשלאנד.

גהאנדי בעפרייט פון תפיסה

פראג, 8 (ספ. טעל.)
גהאנדי איז בעפרייט געווארען פון תפיסה. און האט אויף א חודש צייט אפגעשטעלט די קאמפאניע פאר א פאסיווען ווידערשטאנד.

הזכרה.
מארגען, מיטוואך, פ' אמור י"ד אייר (פסח שני), צו דער 21-טער יאהרצייט פון הרב הגאון הצדיק רבינו
אלי' חיים מייזל ב"ר משה זצ"ל
וועט אין דער תלמוד תורה, יאקובא 6, וועלכע ער האט געגרינדעט מיט 60 יאהר צוריק, פונקט 11 א זייגער פריה, אבגעריכט ווערען א פייערליכע הזכרה לנשמתו הטהורה.
גלייכצייטיג וועט אויפ'ן בית החיים געמאכט ווערען הזכרות לנשמתו הטהורה, פון 8 א זייגער פריה אן.
אלע אונזערע חברים, ווי אויך פערעהרער און סימפאטיקער פון הרה"ג זצ"ל ווערען געבעטען פינקטליך און צאהלרייך צו ערשיינען.
די פערוואלטונג.
בעמ.: די טראמוואיען נומ' 1 און 6 קורסירען ביז'ן בית החיים.

היינט, דינסטאג, דעם 9-טען מאי, 1 א זייגער בייטאג, קומט פאר די לויה פון אונזער לאנגיעהריגען פערוואלטונגס-מיטגליד
נ. ע.
יעקב שמואל זילבערשטראס
אונזערע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען אפצוגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער אונפערגעסליכען פערוואלטונגס-מיטגליד. די לויה קומט פאר פון טהרה-הויז, 1 א זייגער בייטאג.
די פערוואלטונג
פון אינטערנאט פאר יוד. קינדער און פערמע אין העלענובעק
2408

דער סינאגאגען-קאמיטעט אל. קאשטשושקי
מאכט בעקאנט, אז דעם קומענדיגען שבת וועט דאווענען דער וועלט-בעריהמטער אויבערקאנטאר
ישראל אלטער
ספעציעלע איינטריטס - קארטען צו קבלת שבת און שבת פריה, ווערען ארויסגעגעבען אין דער קאנצעלאריע פון דער סינאגאגע דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג פון 6 ביז האלב 8 אווענד, און פרייטאג פון 10 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
אום אויסצומיידען ענגדראנג ביים איינגאנג ווערט געבעטען וואס פריהער זיך צו בעזארגען מיט איינטריטס-קארטען, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען אין א בעשרענקטער צאהל.
עס ווערט בעמערקט, דאס אהן די אויבענדערמאנטע איינטריטס-קארטען וועט קיינער נישט אריינגעלאזען ווערען.
2431

ווארנונג.
דערמיט פאדער איך אויף דעם לאקאטאר
משה פרעהליך, 6. שערפ'ען 27 (רוג מאלא)
אז אויב ער וועט מיר נישט ערלעדיגען ביזן 10-טן ד. ח. די 1.700 זל. וואס עס קומט מיר פאר דירה-געלד, וועל איך געצוואונגען זיין די עקסמיסיע אויסצופיהרען און וועל נישט טראגען קיין שום אחריות. מיט אכטונג
ס. ב. גוטמאן
גדאנסקא 16.
2418

אגודה לזמרה ולספרות עברית „הזמיר"
פילהארמאניע-זאל, נארוטאוויטשא 20
דינסטאג, דעם 16-טען מאי ד. י. 8,30 אווענד
א גרויסער קאנצערט
אין פראגראם: מענדעלסאן בארטאלדי —
„וואלפורגיס-נאכט"
עס נעמען אנטייל: וועלט-בעריהמטער אבערקאנטאר
ישראל אלטער
(האנאווער)
געמישטער כאר און ארקעסטער פון „הזמיר" פילהארמאניע-ארקעסטער און סאליסטען ר. לעווין (אלט) ז. לעווין (באריטאן), י. העכט (באס). אין ערשטען טייל וועט ה' י. אלטער זינגען פערש. אריעס און לידער.
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

Dr.
Wajnberg
ספעציאליסט פון לונגען- הארץ- און מאגען-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוו.

אנאנסען
אין „נייעם פאלקסבלאט"
האבען א גרויסען ערפאלג!

די נייעסטע מאדעלען
פון **זומער-שיך**
און פלעציאנקעס
איז א רייכער אויסוואהל צמפפעהלט
A. Ogórek
11 ZAWADZKA 11.

פאר
גאלד, בּיזשוטעריע
און לאמבארד- קוויטען
צאהלט די העכסטע פרייזען
אליזאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

ערשט קלאסיגער
הערן-שניידער-אטעליר
א.ח. קוטשינסקי
3 פאמארסקא 3
מאכט בעקאנט, דאס צום פריהלינג- און זומער-סעזאן פיהרט ער אויס פערשידענע בעשטעלונגען לויט די לעצטע מאדעלען
צו צוגענגליכע פרייזען
MISTRZ KRAWIECKI
A. Ch. Kuczyński
3 Pomorska 3

שוין קירצליך ערעפנונג פון
רעסטאראן און קאוויארניע
6 TRAUGUTTA 6
Dyr. Marjan Dobryszycki
„Negro"
ביים האטעל „SAVOY"

שלאסעריי-ארבייטען,
ווי אויך אויטאגענישע שווייסונגען
מעטאל-בעארבייטונגען
מאשינען - טיילען
פירט אויס בילינ
J. REDER, Łódź
קאנסטאנטינער 11/13.

קאפיטאן סקאזשינסקי אריבערגעפליגען איבער׳ן אטלאנטיק

לאנדאן, 8 (ספ. טעל.)

נאך א גליקליכן אריבערפליהען איבער׳ן אטלאנטיק איז קאפיטאן סקאזשינסקי, היינט, 4,30 לויט דער אייראפעאישער צייט, אנגעקומען צום פארט נאטאל (בראזיליען).

דער פוילישער לופטפליהער האט איבערגעשטיגען דעם רעקארד פון ענגלישען לופטפליהער מאליסאן.

לאנדאן, 8. (ספ. טעל.)

קאפיטאן סקאזשינסקי האט זיך אפגעשטעלט אין שטעטל מאצעאירא, וואס געפינט זיך 460 קילאמעטער אויף דרום־זייט פון נאטאל.

אפגעשטעלט האט זיך דער קאפיטאן 6,30 זוועגד. דער העלדישער פוילישער פליהער איז איבערגעפלויגען אין משך פון 19 שעה 30 מינוט.

היינט איז העכסטען געריכט דער פראצעס פון די געוו. בריסקער ארעסטירטע

ווארשא, 8 (טעלעפאניש)

היינט הויבט זיך אן אין העכסטען געריכט דער פראצעס געגען די געוו. בריסקער ארעסטירטע.

יודישער בעמיקער ערפונדען צוויי נייע איידעלע מעטאלען

ווארשא (יט״א) דער ווארשאווער יודישער כעמיקער און מעטאלען־ראפינער ה׳ יעקב בעראן האט ערפונדען לעצטענס 2 נייע איידעל־מעטאלען, וועלכע ער האט אנגערופען „פעדאג“ און „באראר“. די דאזיגע מעטאלען האבען א ספעציעלע אנווענדונג אין דער דענטיסטיק. „באראר“ דארף פערטרעטען פלאטין, „פעדאג“ וועט ערלויבען ארויסצושטויסען אלע שעדליכע פרעפאראטען, וועלכע מען פלעגט ברענגען פון דייטשלאנד.

קאנסטיטואירונג פון פעראייניגטען קאמיטעט

פאר דער קאלאניזאציע פון די דייטשע יודען אין א״י

ירושלים (יט״א) עס איז פארגעקומען די קאנסטיטואירענדע זיצונג פון פעראיין פון קאמיטעט פאר דער קאלאניזירונג פון דייטשע יודען אין א״י. אין דער אקציע בעטייליגען זיך אלע אהן אויסנאהם ריכטונגען פון ישוב. די זיצונג איז פארגעקומען אונטער׳ן פארזיץ פון ה׳ בוימאן. אלס פארשטעהער פון דער יודישער אגענץ געהערט צום קאמיטעט ד״ר סענאטאר. צום קאמיטעט געהערט אויך דער בירגערמייסטער, פון תל־אביב דיזענהאף, ווי אויך פארשטעהער פון פערבאנד פון דייטשע יודען אין א״י ד״ר ברין און ד״ר פינער. עס זענען געשאפען געווארען א רייה סובקאמיסיעס, וועלכע זענען צוגעטרעטען צו דער ארבייט.

אקציע פאר א פערגרעסערטער עליה קיין ארץ־ישראל

ירושלים, אין גאנץ א״י זענען פארגעקומען פראטעסט־פערזאמלונגען אין צוזאמענהאנג מיט דער קליינער צאהל סערטיפיקאטען, וואס איז ערטיילט געווארען דורך דער רעגירונג. אין אלע רעזאלוציעס און רעדעס האבען פארשטעהער פון אלע ריכטונגען אויסגעדריקט די ענטויישונג צוליב די עליה־בעגרענצונגען. די א״י־פרעסע בעטאנט, דאס אפילו דער אימיגראציע־דעפארטאמענט פון דער רעגירונג, וואס איז שטענדיג זעהר צוריקגעהאלטען אין זיינע עמפעהלונגען בנוגע דער צאהל סערטיפיקאטען, האט דאס מאל, ווי מען טיילט מיט, פארגעלעגט צו ערטיילען 7000 סערטיפיקאטען. גרויס פערוואונדערונג רופט ארויס דער פאקט, דאס די א״י־רעגירונג האט אנגענומען דעם בעשלוס וועגען דער סערטיפיקאטען־צאהל בעת דעם בעזוך אין א״י פון קאלאניאל־מיניסטער, וועלכער ווערט בעטראכט אלס פריינד פון א״י־וועלט.

דער עקזעקוטיוו־מיטגליד ד״ר סענאטאר איז אפגעפאהרען קיין אייראפע אין צוזאמענהאנג מיט די עליה־ענינים.

האלאנד איז מתרה די היטלעריסטען

אפצושטעלען זייער טעטיגקייט

אמסטערדאם, 8 (יט״א טעלעגראפיש)

אויף דער לעצטער פארלאמענט־זיצונג, האט דער רעגירונגס־פארשטעהער געגעבען די נאצי־סאציאליסטען די לעצטע התראה, זיי זאלען תיכף ומיד אויפגעבען זייער טעטיגקייט.

פראיעקט צו ענדערען די צאל־הנחה אויף באוועל

ווארשא, 8 (טעלעפאניש)

דאס מיניסטעריום פאר האנדעל און אינדוסטריע האט בדעה צו ענדערען די ביזאיצטיגע צאל־הנחה־בעדינגונגען אויף באוועל פאר שפינערייען.

ענטדעקט א פערשווערונג אין שפאניען

מאדריד, 8 (ספ. טעל.)

דא איז ענטדעקט געווארען די פערשווערונג מיטן ציל אומצוווארפען די רעגירונג. די שולדיגע ווערען איינציגווייז ארעסטירט.

זיצונג פון סעניארען־קאנווענט

ביים לאדזער שטאט־ראט וועגען ראטמ. עוואלד

די סקאנדאליעזע ארויסטרעטונג פון דייטשען סאציאליסטישען ראטמאן עוואלד וועגען יודען און וועגען מארשאל פילסודסקי וואס האט אויך געברענגט צו זיין ארעסט, האט בעוואויגען די יודישע ראטמענער מינצבערג, וויצמאן, ביאלער, פראשקער און פיין זיך צו ווענדען צום פרעזעס פון שטאט־ראט צונויפצורופען א זיצונג פון סעניארען־קאנווענט, כדי דער שטאט־ראט זאל אננעהמען א שטעלונג צום ארויסטריט פון ראטמאן עוואלד.

דערווייל האט זיך ראטמאן עוואלד אפגעזאגט פון זיין מאנדאט און די דייטשע סאציאליסטישע פארטיי האט פערעפענטליכט אן ערקלערונג וועגען דעם גאנצען ענין.

די יודישע ראטמענער האבען אבער דערכאויס פערלאנגט, אז די זיצונג פון סעניארען־קאנווענט זאל דאך פארקומען און נעכטען איז די זיצונג פארגעקומען.

פרעזעס אנדזשעאק עפענדיג די זיצונג ערקלערט, אז צוליב דעם וואס ראטמ. עוואלד האט רעזיגנירט פון זיין מאנדאט דארף מען האלטען דעם ענין פאר ערלעדיגט און די זיצונג פון סעניארען־קאנווענט איז שוין איבריג.

ראטמאן וויצמאן האלט, אז דער ענין איז נישט אזוי. ערשטענס האט ראטמ. עוואלד אין זיין רעזיגנאציע נישט אנגעגעבען די מאטיווען וואס האבען איהם בעוואויגען דערצו, א חוץ דעם האט דער שטאט־ראט אלס אזעלכער נישט אנגענומען קיין שטעלונג אין דער פראגע און דאס מוז געשעהען.

ראטמ. וואיעוואדזקי האלט, אז מען מוז געבען דעם בעשולדיגטען די מעגליכקייט זיך צו פערטיידיגען.

ראטמ. ביאלער איז מסכים מיט די אויספיהרונגען פון ראטמ. וויצמאן, ער זאגט, אז אמת די ערקלערונג פון דער דייטשער ארביטס־פארטיי האט אביסעל בערוהיגט די עפענטליכקייט, אבער עוואלד איז דאך זיין שריט בעגאנגען, דער שטאט־ראט מוז זאגען זיין ווארט און זיך אפגרעניצען פון אזעלכע ארויסטריטען און פון ראטמ. עוואלד בפרט.

לאווניק קוק האלט, אז דער בעשולדיגטער מוז בעקומען דאס ווארט אין דער פראגע, מען מוז איהם געבען א מעגליכקייט זיך צו פערטיידיגען אנדערש קען נישט ארויסגעטראגען ווערען קיין אורטייל.

לאוו. קוק האלט, אז ראטמ. עוואלד וועט בקרוב בעפרייט ווערען און דעריבער וואלט נישט געווען קיין בייז ווען די זיצונג זאל אויף עטליכע טעג אפגעלעגט ווערען, מ׳קען נישט וויסען ווי אזוי דער ענין זעהט אויס, ווייל צוליב׳ן ארעסט פון עוואלדן האט ער נישט געהאט קיין מעגליכקייט זיך צו פערטיידיגען.

דער פארזיצער פרעגט, צי קיינער האט נישט געגען דעם, אז די זיצונג זאל אפגעלעגט ווערען ביז ראטמ. עוואלד וועט בעפרייט ווערען פון ארעסט, אזוי ווי קיינער מעלדעט זיך נישט צום ווארט לעגט פרעזעס אנדזשעאק אפ ד זיצונג פון סעניארען־קאנווענט.

פראפ. מאשטשיצקי

אויפסניי געוועהלט אלס מלוכה־פרעזידענט

(ענדע פון 1־טע זייט).

קענען אין משך פון די זיבען יאהר, אין וועלכע ער האט די מלוכה רעפרעזענטירט. דער הויכגעבילדעטער געלעהרטער מיט א נאמען אין דער וועלט־וויסענשאפט האט זיך ארויסגעוויזען אלס טאקטפולער ראש פון דער מלוכה, און האט בעוויזען צו ערווערבען סימפאטיעס ביי אלע שיכטען פון לאנד, מיט וועלכע ער איז אויף זיין אמט געקומען אין בעריהרונג.

אפגעגעבענע זייערע שטימען פאר דער פערזאן פון פראפ. מאשטשיצקי האבען די יודישע אנטיילנעהמער אין דער נאציאנאל־פערזאמלונג נישט נאר בעוויזען, אז זיי זענען ווייט פון דעמאנסטראציעס, אויף וויפיל עס האנדעלט זיך וועגען דער פערזאן, וועלכע סימבאליזירט מיט זיך די גאנצקייט און איינהייטליכקייט פון לאנד; זיי האבען דערמיט, אין דער איצטיגער פאר די יודען אזוי שווערער און פייגליכער צייט, ווען די גרעסטע קאריפייען פון דער וויסענשאפט ווערען געיאגט און פערטריבען בלויז דערפאר, ווייל די זענען יודען, ארויסגעוויזען זייער סימפאטיע און צוטרוי דער קולטור און דער וויסענשאפט, וועלכע איז פערקערפערט אין דער פערזאן פון ביי־געוועהלטען פרעזידענט.

אהן איבערראשונגען

איינדריקען פון דער נאציאנאל־פערזאמלונג

מיר האלטען עטישע עטליכע שעה נאך דער נאציאנאל־פערזאמלונג, אויף וועלכער עס איז אויסגעוועהלט געווארען צום צווייטען מאל אלס מלוכה פרעזידענט דער פראפעסאר איגנאצי מאשטשיצקי און — עס איז שוין צוריק רוהיג, שטיל, בארמאל; אינ׳ם פאליטישען וועלטעל זענען נישט פארגעקומען קיין שום אויפטרייסלונגען, קיין שום געשעהענישען און אפילו די געפלאנטע קאבינעט־ענדערונגען, וועלכע קומען פאר, געוועהנליך, נאך יעדער וואהל פון א פרעזידענט, וועלען דאס מאל קיין גרויסע איבערראשונגען נישט ברענגען.

נישטא קיין שום פאליטישע פליאטקעס, נישטא קיין קולוארען און היטער־קוליסען — געשיכטען, וייל — סיי די רעזשי, סיי די שפיל גופא אויף דער פאליטישער בינע, איז שוין פאר אלעמען געווען פון פריהער אויס גוט בעקאנט.

אלע האבען זיך בעמיהט אין סיים צו דערהאלטען די פייערליכע שטימונג פון א פרעמיערע, כאטש אלע האבען שוין געהאט מיטגעמאכט די גענעראל־פראבען און געוואוסט גענוי וואס, ווי־אזוי, ווען, ווער און וועמען...

אפילו די סיים־וואזשנעס זענען געווען צו־

פון אונזער ווארשעווער קארעספאנדענט

מ. עלבוים

געגרייט צום... ארויסטראגען די איבריגע בענקלעך פונ׳ם זאל, ווייל מען האט געוואוסט יעצט עס וועט יא און ווער עס יעצט נישט קומען.

מען האט אין די סיים־קולוארען, פאר דער נאציאנאל־פערזאמלונג, דערצעהלט אזא וויץ:

צוויי ענגלענדער, קאלט־בלוטיגע, אויסגערעכנטע, זענען געזעסען און געשמועסט. איינער האט געהייסען דזשים און דער צווייטער — דזשעק. האט דזשים בעפוילען זיך דערלאנגען צו עסען א שניטקע מיט קעז און דזשעק האט געבעטען א שניטקע מיט וואורשט. פלוצלונג האט דזשים בעקומען א האַרץ־שלאג און איז געשטארבען. דזשעק האט זיך נישט פערלוירען און, קודם־כל, האט ער א געשריי־געטאן צום קעלנער: די שניטקע מיט קעז איז שוין נישט נויטיג; דערלאנג בלויז א שניטקע מיט וואורשט“...

דער נמשל: ווי־נאר דער סענאטאר באראנסקי האט געגומען לייענען די ליסטע פון די אנוועזענדע דעפוטאטען און סענאטארען און מען האט שוין געוואוסט, אז עס פעהלען 212 דעפוטאטען און סענאטארען, האבען די וואזשנעס באלד צוריק ארויסגעטראגען פון זאל די איבריגע פאטעלען, וואס זענען פריהער צוגעשטעלט געווארען.

די שניטקע מיט קעז איז מעהר נישט נויטיג געווען...

ווי געזאגט, זענען קיין גרויסע פאליטישע אויפטרייסלונגען נישט פארגעקומען. אלץ איז צוגעגאנגען לויט א פלאן, לויט א סדר. בלויז די קאמוניסטישע גרופע האט ארויסגעשטעלט איהר אייגענעם, דעמאנסטראטיווען קאנדידאט. דאס האט מען זעלבסטפערשטענדליך, ערווארט. דאס, וואס די יודישע דעפוטאטען האבען געשטימט פארן פרעזידענט מאשטשיצקי איז אויך געווען צו ערווארטען; קיין אנדער אויסוועג איז נישט געווען. יאַרום מיטמאכען די שפיל פון דער ענדעקישער קאדעקישער פ.פ.ס.־אישער אפאזיציע האט, אינ׳ם איצטיגען מאמענט, נישט געהאט קיין זין.

„סקאלא“־טעאטער

שרודמיעסקא 15 — טעל. 232-33

צוליב דעם גרויסען ערפאלג! • נאך די גרויסע אוואציעס!

נאך דעם געוואלדיגען שטורמען פון אפלאדיסמענטען!

בלייבען די גרויסע אמעריקאנער קינסטלער

לוסי און מישא גערמאן

פון פרייטאג אן אויף ווייטערע גאסטראלען אין „סקאלא“־טעאטער. פרטים מארגען

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 9 מאי 1933

די „רעוואלוציאנערן" ווערן נערוועזיש

„קיינמאָל איז נאָך אין דייטשלאַנד נישט געוועזן אַזוי רוהיג ווי איצט". „קומט צופאָהרען און איהר וועט זיך איבערציינגען מיט די אייגענע אויגען, אַז גראד איצט ביים טריומף פון דער נאציאָנאַלער רעוואָלוציע איז די בעסטע געלעגענהייט צו מאַכען געשעפטען ,רעיעלע און זיכערע." אַזוי האָבען מיליאָנען געשעפטסלייט אין דייטשלאַנד געשריבען אין געצוואונגענע אָדער נישט געצוואונגענע בריף צו זייערע קליענטען אין אַלע עקען פון דער וועלט. דאָס, וואָס די יודען דערציילען, איז נישט מעהר ווי ביזוויליגע פראָפּאַגאַנדע, עס איז נישטא דערין קיין וואָרט אמת.

דער אויפרוף, מיט וועלכען עס האָבען זיך איצט געווענדעט די ווירטשאַפטליכע קרייזען פון דייטשלאַנד, וואָס זענען אין דער רעגירונג פערטראַטען דורך הוגענבערגן, זאָגט עדות, אַז אין דער יודישער גרויל-פּראָפּאַגאַנדע איז דאָך עפּעס פערהאַן פון אמת... דער אויפרוף פאָדערט, עס זאָל אויפהערען די ווילקער, מען זאָל אויפהערען צו מאַכען פערזענליכע עקספּערימענטען מיט דער ווירטשאַפט. (דער אויפרוף איז בכלל אויסערגעוועהנליך נערוועזיש. און באַלד אינאיינעם מיט דעם אויפרוף איז ערשינען אַ קאָמוניקאַט פון דער רעגירונג, וועלכע בעמיהט זיך די ווירטשאַפטליכע ספערען צו בערוהיגען, זיי דאַרפען נישט אַריינפאַלען אין נערוועזיטעט, קיין גאָר שטרענגע מיטלען וועלען נישט אָנגענומען ווערען, פערקעהרט, אויב עמיץ האָט איניציאַטיוו, דאַרף ער זעהן די איניציאַטיוו אויסצונוצען וואָס גיכער, נישט מורא האָבענדיג פאַר די ווייטערע פאָלגען א.אַז.וו. עס ווייזט אויס, אַז אין די ווירטשאַפטליכע קרייזען הויבט אָן אין דייטשלאַנד צו הערשען נישט בלויז אַ אונרוהיגקייט נאָר שוין אַ שטיקעל פּאַניק, אויב ס'ווערען אַרויסגעלאָזט אַזעלכע פּאַניק־אַרטיגע אויפרופען און אַזעלכע פיל־זאגענדיגע בערוהיגונגען.

די אויפטרייסלונג, וועלכע איז אַריינגעטראָגעוואָרען אין דער דייטשער ווירטשאַפט מיט דער פערפאָלגונג פון די יודען דורכ'ן אויסשליסען זיי נישט בלויז פון קולטורעלען און געזעלשאַפטליכען, נאָר אויך פון ווירטשאַפטליכען לעבען, הויבט אָן זיך צו פיהלען איבער דעם גאַנצען עקאָנאָמישען אָרגאַניזם פון לאַנד. די ווילקיר־מאַשין, וואָס איז געלאָזט געוואָרען אין גאַנג, הויבט אָן צו טרעפען אויך די נישט־יודישע ווירטשאַפטען. און דאַן רוקט זיך אָן אַלץ נעהנטער די צייט, ווען היטלער און זיינע געהילפען וועלען מוזען גרייפען אויך צו דער נישט יודישער ווירטשאַפט, כדי צו פערענטפערען די צו זאָגעכצער, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען די מאַסען, ווייל דער זאַפּאַס פון די יודישע אונטערנעהמונגען און פאָסטענס האָט זיך שוין כמעט אויסגעשעפּט. דער טעזיס פון „אַנטיסעמיטיזם אַלס סאָציאַליזם פון נאַראָנים", אַלס שפּיל מיט אַ צווייפעלהאַפטיגען אויסגאַנג, אַלס שפיל מיט פייער הויבט אָן זיך צו פערווירקליכען.

דער היטלעריזם האָט אויסגענוצט די עקזיסטירענדיגע סאָציאַלע אנטאַגאָניזמען פאַר זיינע צילען, ער האָט נאָר די ווידערשפּרוכען בעפאַרבט מיט דעם קאָליר פון דער ראַסע. ער האָט אָנגעהעצט אויף אַ אונגערהערטען אופן די אונצופרידענע מאַסען געגען די יודען. אָבער אייביג קאָן דאָס נישט דויערען, און עס הויבט זיך ביסלעכווייז אָן דער קרייצוג אויך געגען די נישט יודישע קאַפּיטאַליסטען.

אַזוי איז עס געוועזן מיט די יודישע פּאָגראָמען אין צאַרישען רוסלאַנד, אָנגעהויבען האָט זיך עס מיט יודען־פּאָגראָמען און דערנאָך זענען די פּאָגראָמען אַריבערגעוואָרפען געוואָרען אויף די גיטער פון די פריצים. דאָס פיהלען שוין אויף זיך די דייטשע ספערען, וועלכע האָבען אינאיינעם מיט דער באַנדע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען מיטגעמאַכט דאָס פערברעכערישע שפּיל פון העצען אָדער טאָלערירען די אונאויפהערליכע העצע געגען די יודען, מיינענדיג, אַז דערמיט וועלען זיי פאַר זיך קויפען די זיכערקייט.

אין די ספערען פון די דייטשע פריצים און אינדוסטריעלער העט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויף די ענטציקונג מיט דער „נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע", די „רעוואָלוציאָנערע" שטימונגען טרעטען אָפּ זייער אָרט דעם געפיהל פון שרעק פאַר דעם, וואָס די רעוואָלוציע, וועלכע טראָגט שוין מעהר די סימפּטאָמען פון ווילדען סאָציאַליזם איידער פון נאַציאָנאַליזם, וועט זיי ברענגען. דאָס איז דאָך „באָלשעוויזם אין אַ לייכטערער פאָרם", קלאָגען זיך שוין מאַנכע אַרישע פאַבריקאַנטען, וועלכע זענען נאָך מיט עטליכע וואָכען צוריק געוועזן הייסע ענטוזיאַסטען פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע.

די לאָגיק פון די געשעהענישען איז אַ נאַטירליכע. די ענטוויקלונג פון די פּאַסירונגען מוז ברענגען אָדער צום אויפרייס פון נאַציאָנאַלען קאַבינעט אָדער צו אַ שפּאַלטונג אין דער היטלעריסטישע בעוועגונג. ווי ס'האָט ריכטיג בעמערקט אַ בעאָבאַכטער פון דייטשע געשעהענישן, זענען די 3 הויפּט־לאָזונגען פון היטלעריזם געוועזן: געגען דער ווייִמאַרער קאָנסטיטוציע! געגען דעם ווערסאַלער טראַקטאַט! געגען דעם ציווילען קאָדעקס!

צום לייכטסטען איז געוועזן זיך אָפּצופּערטיגען מיט דער קאָנסטיטוציע. דאָ איז געוועזן גרינגער, ווי מען האָט עס געקענט ערוואַרטען, אָפּצושאַפען אַלע בירגערליכע פרייהייטען און דעם עלעמענטאַרסטען כלל פון גלייכבערעכטיגונג פון אַלע בירגער. די פּרעסע־פרייהייט האָט מען פּונקט ווי אַלע אַנדערע פרייהייטען אָפּגעשאַפט, די יודען האָט מען געשטעלט אויסער דעם געזעץ, ביי די יודען און מאַרקסיסטען האָט מען צוגערויבט די אונבעריהרבאַרקייט פון דער פּערזאָן א. אַז. וו.

שווערער איז מיט דעם ווערסאַילער טראַקטאַט, דאָ האָט פּאַסירט גראָד דאָס פערקעהרטע. קיינמאָל איז דער ווערסאַלער טראַקטאַט נישט אַזוי פעסט אין דעם בעוואוסטזיין פון אייראָפּער ווי ביים היינטיגען טאָג. די אָנהענגער פון רעווידירען דעם טראַקטאַט זענען ענטשוויגען געוואָרען ביים צוקוקען זיך צום פּרצוף פון די דייטשע פּאָליטיקער, וועלכע פאָדערען זיין רעוויזיע.

איצט קומט די ריה אויף דעם ציווילען קאָדעקס, היטלער הויבט אָן צו עקספּערימענטירען מיט דער ווירטשאַפט, ער זאָגט, אַז עס זענען נישט דערלאָזבאַר די צו גרויסע פערדינסטען, ער וויל פערטיפען די רעוואָלוציע. די קאַפּיטאַליסטען אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבען דאָס דאָזיגע געשפּענסט אַרויסגעשוואוירען, הויבען אָן חרטה צו קריגען אויף דעם שותפות־געשעפט. (פּפּק).

די אקציע טאר מען נישט אפשטעלן!

דער קאמף מוז ווייטער געפיהרט ווערן

אין אַנ'אַרטיקעל אין ווילנער „צייט" פאָדערט אויף דער אַלטער יודישער עסקן ד"ר יעקב וויגאָדסקי ווייטער צו פיהרען די אַקציע געגען היטלעריסטישען דייטשלאַנד אויף אַלע מעגליכע וועגען און אופנים. ער שרייבט:

די איצטיגע ידיעות וועגען אָפּנעהמען ביי יודען זייער פערמעגען דורכ'ן אַריינזעצען ביי זיי אין די געשעפטען „קאָמיסאַרען", דורכ'ן אָפּנעהמען ביי זיי דעם באַנק־קרעדיט און אַז. וו. — שטעלען מיט זיך פאָר אַ נישט דערהערטע מצד אַ מלוכה עבירה אין מיטען העלען טאָג און בפרסיה צו בעגנב'ענען און בעגזלענען אַ גרופע עהרליכע און נוצליכע מלוכה־בירגער, וועמענס איינציגער חטא איז, וואָס זיי געהערען נישט צום „הערשענדען" פאָלק! דער דאָזיגער פּאָגראָם אויף יודען דערמאָהנט די אַלטע פּאָגראָמען, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרען דורך די מושלים און זייערע ווילדע רעגירונג, וואָס האָבען אויף יודען געקוקט, ווי אויף אַ שוואָם, וועלכער זאַפּט איין זיך אָן עשירות, כדי נאָכדעם דורכ'ן פּאָגראָם אויסגעקוועטשט צו ווערען!..

דאָן, אין די פינסטערע צייטען פון די נושאי־הצלב א. אַז. וו. האָט, פּונקט ווי איצטער, נישט געפעהלט קיין אידעאָלאָגיעס, וואָס דאַרפען פערשענערען די מיאוס'ע מעשים לגבי יודען: האָט מען דאָן, למשל, אַ יודען פערברענט אין פייער (אויטאָ־דאַ־פע) לעבעדיגערהייט, האָט דאָס געהייסען, אַז מען מוז ראַטעווען דורכ'ן פערברענען זיין נשמה, וואָס קען נעבעך אין אַ יודישען גוף איהר תיקון נישט געפינען... דער עיקר אָבער האָט מען געשטרעבט אינאיינעם מיט די „הייליגע" גלחים, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט דער הצלת־נשמות, פטור צו ווערען פון דער יודישער קאָנקורענץ און אויסצוקוועטשען דעם שוואָם, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין געלד...

אין אַלע צייטען, ביי אַלע אַנטיסעמיטען פון אַלע לענדער האָבען קיינמאָל נישט געפעהלט קיין אידעאָלאָגיעס אויף צו פערמאַסקירען די אמת'ע אָפּשטויסענדיגע כוונות פון די דאָזיגע פערווילדעטע, על פי רוב פּאַטאָלאָגישע טיפּען. דער עיקר־אינהאַלט פון די דאָזיגע אַנטיסעמיטישע אַפּאָלאָגיעס איז בעשטאַנען אין בלבולים אויף יודען, וואָס האָבען בעדאַרפט דערוויזען די מינדערווערטיגקייט און דער „איינגעבוירענער" יודישער פערברעכערישקייט. די דאָזיגע בלבולים האָבען בעדאַרפט „דערקלערען" און בערעכטיגען דעם מיאוס'ן פּאָגראָם!...

די גאַנצע קלאָגעדיגע „ראַסען־טעאָריע" פון דעם היטלעריזם, וועלכע איז אגב אַנ'אַלטער, אַ גאַנץ אַלטער בלבול אויף יודען, געהערט אויך צו דער קאַטעגאָריע פּאָגראָם־בלבולים, וועלכע דאַרפען דערווייזען דעם יושר פון דעם פּאָגראָם, וואָס היטלער און זיינע באַנדעס האָבען געמאַכט אויף יודען, ביי וועמען מען וויל אָפּנעמען יעטוועדער מעגליכקייט פון קאָנקורענץ. דערביי קוועטשט מען אויס דעם שוואָם גאָר אויפ'ן אַלטען שטייגער!

מיר, יודען, טאָרען זיך נישט בערוהיגען מיט די גרויסע הזיקות, וואָס היטלער האָט געבראַכט דייטשלאַנד מיט זיין פּאָליטיק, ווייל דאָס פייער, וואָס היטלער האָט אָנגעצונדען, דראָהט ביי דעם שרעקליכען עקאָנאָמישען וועלט־קריזיס, אַרום צוכאַפען די גאַנצע וועלט. פאַר יעדען, וואָס אָריענטירט זיך נאָר אין דער געשפּאַנטער לאַגע, איז קלאָר, אַז דער היטלעריזם קען ווערען אַ וועלט־שאלה... מיר טאָרען דעריבער נישט נאָכגעבען; מיר מוזען אָנשטרענגען אַלע כוחות און פיהרען דעם קאַמף געגען דעם היטלעריזם מיט דער גרעסטער אויסגעהאַלטענקייט, מיט דער גרעסטער עקשנות און מיט אַלע מיטלען, וואָס געפינען זיך אין אונזער רשות!

די בּאָיקאָט־אַקציע געגען די היטלעריסטישע גזלנים און רוצחים טאָר אויף קיין רגע נישט אָפּגעשטעלט ווערען! דאָס בלוט און די טרעהרען פון אונזערע אומשולדיגע ברידער אין דייטשלאַנד פאָדערן דאָס!

דער קאַמף געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד גייט ווייטער!

שווערע פינאנציעלע לאגע

פון די יודישע קהלות אין דייטשלאנד

בערלין (יט"א) ווי טיף עס דריגגט אַריין די נויט אין לעבען פון די יודישע קהלות אין דייטשלאַנד, בעווייזט דער פאָלגענדער בעריכט פון „איזראַעליטישען פאַמיליענבלאַט" פון קעלן.

די קעלנער קהלה, וועלכע האָט מיט אַ פאָר יאָהר צוריק דיספּאָנירט מיט אַ מיליאָנען־עטאַט, בעווייזט נישט איצט צו דערהאַלטען דעם גלייכגעוויכט פון שטאַרק רעדוצירטען בודזשעט.

נישט קוקענדיג אויף אַלע ביז־איצטיגע איינשפּאָרונגען מוזען ווידער אָנגעווענדעט ווערען אויסעראָרדענטליכע מיטלען, כדי צו פערהיטען די קהלה־ווירטשאַפט פון פולשטענדיגען צוזאַמענברוך. די געהאַלטען פון די קהלה־בעאַמטע זענען ווידער רעדוצירט געוואָרען. די סינאַגאָגע־כאָרען זענען אויפגעלעזט געוואָרען. די קינדער־גאָרטענס, וועלכע זענען דער שטאָלץ פון דער קהלה, ערוואַרט דער זעלבער גורל. דאָס יוגענדהיים, וואָס איז געעפענט געוואָרען מיט אַ יאָהר צוריק, מוז געשלאָסען ווערען. עס ווערען געפיהרט בעראַטונגען וועגען איינשפּאָרונגען אין מושב־זקנים און אין די קינדער־היימען. איבעראַל אָבער הערשט דער אונבויגזאַמער ווילען דורכצוהאַלטען, עס וואַקסט די יודישע אָפּפערוויליגקייט, כדי צו ראַטעווען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען, די אונערשיטערליכע האָפענונג אויף בעסערע צייטען.

פון דיסעלדאָרף ווערט מיטגעטיילט, אַז די דאָרטיגע קהלה אָרגאַניזירט ספּעציעלע בעראַטונגס שטעלען און שאַפט דערויף די נויטיגע מיטלען. דער יודישער יוגענד־פעראיין און ספּאָרט־פעראיין „מכבי" געפינען זיך אין אַ שווערער לאַגע און זיי דראָהט געשלאָסען צו ווערען. די יודישע פעראיינען איז פערווערט געוואָרען זיך צו בענוצען מיט די שטאַטישע ספּאָרט־ און טעניס־פּלעצער.

אָרטאָפּעדישער אַנשטאַלט

בּראַטעזען, גאָרסעטען, אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען אַלער אַרט, לייכטע פלאַטפוס־איינלאַגען בעגען פּיס־שמערצען אַלס נאָך גיפּס־אָבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פּיעטריקאָווער 119, טעל. 231-81

צו וואס עס דערפיהרט דער וואהנזין פון ראסיזם

בעריחמטער פוילישער שריפטשטעלער באי-זשעלענסקי וועגען די יודען-רדיפות אין דייטשלאנד

אין אַ געשפּרעך מיט אַ זשורנאַליסט האָט דער בעריהמטער פּוילישער שרייבער, היינטיגער לאַורעאַט פון דער ליטעראַטור־פּרעמיע פון דער שטאָט וואַרשאַ, באַי־זשעלענסקי, זיך אַרויסגעזאָגט וועגען די יודען־פערפאָלגונגען אין דייטשלאַנד אויף פאָלגענדען אופן:

אויב מען זאָל די רדיפות אָפּשאַצען אַלס „ווייבריק", קאָנען זיי אַרויסרופען עמפּערונג געגען די פערפאָלגער און מיטגעפיהל צו די קרבנות. אויב מען זאָל דאָס בעטראַכטען אַלס פּאָליטישען גאַנג, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַנ'אַבסורד, וועלכער וועט ברענגען צו אַ מוראדיגער ווירוואַר און וועט זיך אַליין אויפפרעסען מיט זיין אייגענער אונזיניגקייט.

אַט די גאַנצע וואַהנזיניגקייט פון ראַסיזם, זאָגט ווייטער באַי־זשעלענסקי, די משוגעתדיגע נאַציאָנאַליזמען, וועלכע האָבען נאָך נעכטען אַרויסגעריסען איינער ביי דעם אַנדערען גרויסע מענשען און איצט וואַרפען זיי די מענשען אַרויס אַלס „אונרייגע". זענען דאָך העכסט קאָמיש, נישט רעדענדיג, וועגען דער יודען־פראַגע לאָמיר בעהמען די זאַך אין אַלגעמיין, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אין פּוילען האָט אַזאַ מין נאַציאָנאַליזם — און עס פעהלט ביי איהם נישט דער ווילען דערצו — געזיגט, וואָס וועט זיך דאַן אָפּטון? פּונקט ווי נעכטען האָבען זיי איינער ביי דעם אַנדערען אַרויסגעריסען זיך די קאָפּערניקעס און סטוואָשעס (בעריהמטער אַלטער קינסטלער) און יעדער האָט בעוויזען מיט די פערשידענסטע אַרגומענטען, אַז דאָס איז אַנ'אייגענער, אַזוי וועלען זיי זיך איצט וואַרפען מיט די גרויסע מענשען. די פּאָלאַקען וועלען האָבען דעם חשד, אַז דאָס זענען געווען דייטשען און די דייטשען, אַז דאָס זענען געווען פּאָלאַקען. פּוילען וועט זיך אָפּזאָגען פון גראַטגער'ן, וועלכען נישט דייטשלאַנד, נישט אונגאַרן וועט נישט וועלען אָננעהמען, בעסער וועט שוין זיין דער גורל פון שאָפּענען, ווייל אויב מען וועט פאַרוואַרפען, אַז ער איז אַ פראַנצויז, וועלען איהם די פראַנצויזען גערן אָננעהמען, ווייל פראַנקרייך האָט זיך דאָך פערהיט פון אַט די נאַרישקייטען.

אַזוי אַז ווען דאָס אַלעס וואָלט נאָר פאָרגעקומען אויפ'ן באָדען פון דיסקוסיע, וואָלט עס געווען גאַנץ קאָמיש. פּונקט אַזוי ווי די געשיכטע מיט בראַהמס'ן (בראַהמס איז ביז די לעצטע טעג בעטראַכט געוואָרען אַלס עכט־דייטשער קאָמפּאָזיטאָר און פאָרשטעהער פון דער ריין־דייטשער מוזיק. עס זענען געמאַכט געוואָרען גרויסע הכנות אין דייטשלאַנד צו פייערן דעם הונדערטסטען יאָהרטאָג פון זיין געבורט, וואָס איז אויסגעפאַלען דעם זיבעטען מאַי. אָבער גראַד די טעג איז מען געוואָהר געוואָרען די סענסאַציאָנעלע ענטדעקונג, אַז בראַהמס שטאַמט פון יודען, און די רעגירונג פון היטלערן און געבעלסן האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ טעמפּקייט פאַר'ן עלעמענטאַרסטען געפיהל פון לעכערליכקייט, אַז די בראַהמס־פייערונגען זענען אָפּגערופען געוואָרען, און דער אָנדענק פון גרויסען קאָמפּאָזיטאָר ווערט איצט געפייערט אומעטום, אַ חוץ אין דייטשלאַנד, די רעד.) אָבער ווען עס הויבען אָן צו רעדען שטעקענס און קאַסטעטען, דאַן ווערט אַט די גאַנצע זאָאָלאָגישע „בלאַזעגטווע" פון ראַסיזם פערוואַנדעלט אין אַ צו ערנסטע גייסטיגע קראַנקהייט.

אויף דער פראַגע, צי האַלט ער די טעאָריעס פון די נאַצי פאַר אַ קראַנק, האָט באַי־זשעלענסקי וועלכער איז לויט זיין אוניווערזיטעטס־בילדונג אַ דאָקטאָר מעדיצין, געענטפערט: — איך קוק שטענדיג אויפ'ן מיקראָסקאָפּ... איך קוק שטענדיג און איך זעה אויף דער וועלט אויף אַ דאָקטאָרישען אופן. פעלקער זענען פּונקט ווי אַנדערע לעבעדיגע אָרגאַניזמען און זיי מאַכען אויך דורך קראַנקהייטען אַ ג־ייה יאָהרען האָט אין דייטשלאַנד געדויערט דער פעריאָד פון אינקובאַציע (ווען די קראַנקהייט געפינט זיך שוין אין אָרגאַניזם אָבער זי ווייזט זיך נאָך אויסערליך נישט אַרויס). איצט האָט די קראַנקהייט אויסגעבראָכען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. דערפאַר קאָן אָבער גיכער קומען די אויסהיילונג. באַטייליך קאָן מען אַזוי פילאָזאָפירען, ווען מען רעדט אַבסטראַקט. אָבער ווען מען גיט אַ טראַכט, וואָס דאָרט טוט זיך, איז אַ גרויל וועגען דעם צו דענקען. יעדער, וואָס איז פעהיג צו פיהלען מענשליך מוז מיטפיהלען מיט דער מאַרטירעלאָגיע פון די יודען אין דייטשלאַנד, ווען מען וואָלט אין אַזאַ עקעלהאַפטיגער זאַך געקאָנט זוכען עפּעס אַ גוטע זייט, דאַן וואָלט מען דאָס געקאָנט אייגזעהען אין דעם, וואָס די געשעהענישען אין דייטשלאַנד וועלען זיכער פּאָזיטיוו ווירקען אויף דער פערשטענדיגונג צווישען די יודען און די פּאָלאַקען, און אַט די פערשטענדיגונג האַלט איך פאַר גייסטיג פאַר ביידע צדדים, נאָך מעהר איך האַלט עס פאַר אַנ'אונבעדינגטע זאַך.

פארוואס האט מען בעשטימט אזוי ווייניג סערטיפיקאטען פאר חלוצים?

ד"ר חיים ארלאזאראוו ענטפערט אויף דער פראגע אין אנ'אינטערוויו פאר'ן „נ. פאלקסבלאט"

(פון אונזער ווינער קארעספאנדענט)

דער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט-ארגאניזאציע אין ירושלים, ד"ר חיים ארלאזאראוו, וועלכער געפינט זיך אויף דער רייזע קיין דייטשלאנד און ענגלאנד, האט געווײלט צוויי טעג אין וויען. וואו אייער קארעספאנדענט האט מיט איהם געהאט א געשפרעך.

דער לעצטער קאנטינגענט פון 5.500 סערטיפיקאטען, אין וועלכען עס געהען אריין אויך די 1.000 סערטיפיקאטען פאר דייטשלאנד, איז פאר אונז א זעהר שווערע ענטוישונג. דער פאקט, אז 5.500 סערטיפיקאטען, וואס גיבען די מעגליכקייט פאר 9.000 איינוואנדערער, דאס הייסט פאר אנ'ערך 25.000 מענשען אין איין יאהר, איז די גרעסטע עליה זייט'ן יאהר 1925, ענדערט אבער נישט, אז מיר זאלען זיין אונצופרידען. דער ארבייטס-מארק אין ארץ-ישראל איז היינט אימשטאנד אויפצונעהמען מעהר ווי דאס דאפעלטע פון דער מעווילינטער ציפער. אויב אין אזא צייט ווי היינט, אין א צייט פון א אויסערגעוועהנליכער קאניונקטור, אין א צייט ווען די ענגלישע עפענטליכע מיינונג לגבי דער יודען-פראגע, אין צוזאמענהאנג מיט די געשעהענישען אין דייטשלאנד און אין דער גאנצער וועלט, איז מורה'דיג ערשיטערט, איז עס נישט מעגליך די אויפנאהמס-קאפאציטעט גאנץ אויסצונוצען. ווען'זשע דען וועט מעגליך זיין די נויטיגע צאהל יודען אריינצובריינגען אין לאנד?

קודם-כל מוז מען פעסטשטעלען, אז דער קאנטינגענט, וועלכען מען האט איצט פעסטגעזעצט, איז נישט בעשטימט געווארען אויפ'ן סמך פון דער עקאנאמישער לאגע. די ענגלישע מלוכה האט תמיד בעהויפטעט, אז דער עקאנאמישער מצב איז דער איינציגער בעשטימטער פאקטאר. אבער איצט איז די צוטיילונג פון סערטיפיקאטען געווען א פאליטישע צוטיילונג (א פאליטישער „שעדיול" און נישט קיין עקאנאמישע.

— פארוואס האט די ענגלישע רעגירונג דאס געטוהן? פרעג איך ה' ארלאזאראוו'ן.

א סך סבות זענען פאראנען דערפאר ערקלערט ד"ר ארלאזאראוו אבער זיי אלע האבען א גרויס שייכות מיט דער פראגע פון דער אויפנאהמס-פעהיגקייט. ווי דער הויך-קאמיסאר האט מיר בעזאגט, איז ער און די ענגלישע רעגירונג שטארק אומצופרידען מיט דער נישט לעגאלער עמיגראציע. ער מיינט, אז ווי לאנג סוויענדער יודען בלייבען און ארבייטען אין לאנד אהן ערלויבעניש, איז עס נישט מעגליך א גרעסערען „שעדיול" דורכצוזעצען.

מען קאן זיך צו דער נישט-לעגאלער איינוואנדערונג שטעלען ווי מען וויל, זאגט ד"ר ארלאזאראוו. מען מוז אבער צוגעבען, אז אין די לעצטע אנדערטהאלבען יאהר האט זיך בעמערקט א נישט-פעראנטווארטליכע און א געוויסענלאזע בעוועגונג אין דער טוריסטיק. אבער דער איינוואנדערונגס-קאנטינגענט פון דער ענגלישער רעגירונג דארף נישט זיין א שטראף-מעטאדע! אויסער'דעם מוז א „שעדיול" פון א צאהל פון 5.500 סערטיפיקאטען, אין א צייט, ווען ס'זענען אפען 13.000 ארבייטס-פלעצער, בעווירקען גראד דאס געגענטייל. דאס קאן נאך פערצערען די נישט-לעגאלע אימיגראציע. ווייל דער מאנגעל פון ארבייטס-קרעפטען וויל און מוז זיך אויספילען. אין דעם צווישען דער עקאנאמישער נויטווענדיגקייט און לעגאלער פאר-מאליטעט, מוז זיך די עקאנאמישע נויטווענדיגקייט דורכזעצען. חוץ דעם מוז זיך אפרופען די געגענ-אפענזיווע פון די אראבער.

אויף מיין פראגע, ווי ס'זעהט אויס אין דער אראבישער בעוועגונג, ענטפערט ד"ר ארלאזאראוו:

אויב ס'וועט אונז געלונגען אין די נעכסטע 2 ביז 3 יאהר אריינצובריינגען קיין ארץ ישראל אנ'ערך פון 25.000 יודען, וועט דאס פאר דער אראבישער פראגע בעדייטען א שווערער קריזיס. אויב ס'וועלען נאך קאנגען קומען קיין ארץ ישראל 75.000 – 100.000 יודען, און לכל הפחות 50.000 יונגע יודען, וועלען די אראבער מוזען אויפגעבען די פאליטיק פון נישט אנערקענען די יודען. דעמאלט וועט אויך געבראכען ווערען דער פרוב די יודען צו שטערען אין זייער פארט-שריט. אויב ס'וועט אונז געלונגען, אזוי וועלען די אראבער איינזעהן, אז זייער פאזיציע איז האפנונגסלאז, הגם זיי האבען געזעהען זייער ישועה אין די פיל אפיציעלע דאקומענטען נאך די אומרוהען פונ'ם יאהר 1929 (שאו-בעריכט, סימפסאן-בעריכט, ווייס-בוך 1930 און פרענטיס-בעריכט).

בעזונדערס וויכטיג איז די פראגע פון עבר הירדן, וואו די פיהרער פון דער עפענטליכער אראבישער מיינונג האבען נישט געפונען קיין אנדערען אויסוועג פאר דעם עקאנאמישען עלענד, וועלכער הערשט דארט אין געגענזאץ צו דעם אויפבליהען אין ארץ ישראל, און זיי האבען גע-מוזט אנקומען צו די יודען, זיי זאלען אויך אין עבר-הירדן אנהויבען מיט דער קאלאניזאציע. די בעשפרעכונגען פון אראבישע פיהרער אין האָ-טעל „קינג דוד" אין דער צייט, ווען ד"ר וויצ-מאן איז געווען אין ארץ ישראל זענען די שווער-סטע מאראל. קלעפ, וואס די אראבישע פיהרער האבען געהאט זייט א סך יאהרען אין ארץ-ישראל. אין משך פון די נעכסטע 2–3 יאהר וועלען זיי מיט דער גאנצער געוואלד וועלען צושטערען דאס יודישע ווערק. בלי שום ספק איז, נישט קוקענדיג אויף די אלע סענטימענטען, אונזער אינטערעס פאר ארץ ישראל, דער שלום, די ענטוויקלונג פון אונזער ארבייט בשעת דער פא-ליטישער אינטערעס פון די אראבער איז גראד צו שטערען די רוהה און ארבייט. ווייל יעדע שטערונג פון זיי איז א שטערונג איב'ם גאנג פון די יודישע אינטערעסען. דאס אנומעלדיגע פרובען צו ברענגען אומרוהע אין לאנד, איז די פראקלא-מירונג פון דער אזויגערופענער „נאן-קאאפעריישאן לאזונג", די לאזונג אבער, האט נישט קיין שום פאקטישען ווערט.

די שטייערען ווערען דורכ'ן צאל איינגענו-מען. ווי באלד די אראבער וועלען נישט צאהלען קיין שטייערען, קאן דאס נישט האבען קיין שום ממשות. די אראבער וועלען זייערע רעגירונגס-פאזיציעס, וועלכע זיי האבען, נישט אויפגעבען, אבער ווען אפילו דער פראקטישער ווערט איז גאר א קליינער, ווערט די „נאן-קאאפעריישאן לאזונג" בעטראכט פון דער רעגירונג מיט גרויסע זארגען. די רעגירונג פערשטעהט, אז דער נעגאטיוויזם פון די אראבער איז נישט אזוי געווענדעט געגען די יודען, ווי געגען דער מאנדאטאר-מאכט. און דאס איז דער גרונד, פארוואס מיר האבען אזא קליינעם „שעדיול" בעקומען. דאס איז נאטיר-ליך א גאנץ אומברויכבאר מיטעל, ווייל פאר דער אראבישער בעוועגונג איז קיין חלוק נישט, צי עס קומען 25.000 צי 40.000 יודען קיין ארץ-ישראל. פון אונזער שטאנדפונקט אבער, איז בעזונדערס וויכטיג, ווען מיר בעקומען איצט נאך 15.000 מענשען אין לאנד אריין.

א פאר טאג איידער איך בין אוועקגעפאה-רען פון ארץ-ישראל האט מיר דער הויך-קאמיסאר מודיע געווען אין א בריף, אז די רעגירונג וועט אין דער צוקונפט ליבעראלער בעהאנדלען די בקשות פון איינוואנדערער פון דער קאטעגאריע A 3, דאס זענען בעלי-מלאכות און קוואליפיצירטע ארבייטער מיט א קאפיטאל פון 250 פונט. דאס איז דער רעזולטאט פון לאנגע בעמיהונגען צו פערזארגען בעזונדערס ערלייכטערונגען פאר דעם קליינעם מיטעלשטאנד. אונזער פארשלאג אראפ-זעצען די קאפיטאל-קוואטע אויף 150 פונט האט די רעגירונג דערוויילע נישט אנגענומען. זי וועט אבער צופרשט אין דער קאטעגאריע א פראקטישען פריוו מאכען. אזוי וועלען מיר האבען די מעגליכ-קייט צו ברענגען אין לאנד ארבייטער און בעלי-מלאכות, וועלכע קאנען נאכוויזען 250 פונט. ארץ-ישראל בענויטיגט היינט קוואליפיצירטע ארבייטער און האנדווערקער בעזונדערס אין בוי-פאך. און מיר וואלטען בעדארפט אזוי שטארק ווי ס'איז נאר מעגליך אויסצונוצען די ערלייכטערונגען.

די קאפיטאליסטען-איינוואנדערונג איז נאך ווייטער נישט בעשרענקט. אפשר וועלען די געשע-הענישען אין דער וועלט עפענען די יודען די אויגען, און זיי דערצו ברענגען, אז זיי זאלען אריינלייגען זייערע קאפיטאלען אין דער ווירט-שאפט פון ארץ-ישראל. מיר דארפען נישט פערגע-סען, אז פון דער קאפיטאליסטען-קאטעגאריע אליין זענען געקומען קיין ארץ-ישראל אין יאהר 1925 אנ'ערך פון 12.000 מענשען.

ס'איז נישט פאראנען קיין שום גרונד, פארוואס אין יאהר 1933 זאל נישט זיין דאסזעלבע.

ד. שמיר.

פרומקייט און ווילדע אויסגעלאסענקייט איז איין ארט אין שפאניען

(פון א רייזע איבער שפאניען)

פון ה. לאנג

א סך זאכען, וואס ווערען איצט געטון פון דער שפאנישער רעפובליק זענען אזוי ווי בקמה-אקטען פאר די יודען.

נישטא קיין שום דירעקטער יודישער אינטערעס, אבער אזוי לאזט זיך דאס אויס, ווען איהר ווייזט אויף דעם אן די פיהרער פון דער רעפובליק, צווישען זיי סאציאליסטען, שמייכלען זיי; דאס איז פארט אזוי. און איין גרויסער, זעהר אינטערעסאנטער און זעהר וויכטיגער פאקט איז דאס וואס עס קומט איצט פאר מיט דעם מאנאסטיר פון די „עכטע הייליגע" אין שפאניען.

ווי אלט איז אינגאנצען די שפאנישע רעפו-בליק? נישט מעהר ווי צוויי יאהר. און די רעוואָ-לוציע, וואס האט געבראכט די רעפובליק איז, דוכט זיך, געווען א בלוטלאזע, דאס מיינט אבער נישט, אז די רעוואלוציע איז שוין פאריבער און אז אויפ טרייסלונגען אינ'ם פאלקס-לעבען קומען מעהר נישט פאר, זיי קומען פאר כסדר, זיי זענען שטילע. אין די טעגליכע סענסאציעס פון לענדער קומען די נישט אריין. זיי האבען צו טון מיט'ן אינטימען לעבען פון שפאנישען פאלק, זיין ביז-איצטיגען פער-זועבט און פערשפינען ווערען פון אבערגלויבענס צווישען אלטע קלויסטערס און נאך עלטערע מאנאס-טירען די רעפובליק איז יונג, און זי קוקט איצט אַ-ריין דארטען און עס דעקען זיך אויף געהיימניסען.

אביסעל ארויס פון א גרופע שטעט, און דאך אזוי ווי אין הארצען פון זיי, שטעהט דער מאנאסטיר פון די „עכט הייליגע"". פון ערגעץ אויף גאסען זעהט מען איהם נישט, אבער פון די „קעניגליכע גערטנער" ביי די אלטע פאלאצען „אלקאזאר" וואס געפינען זיך אין סעוויל, אי אין אנדערע שטעט, קען מען צו איהם לייכט צוקומען, פערהאן א די-רעקטער וועג צו איהם פון די „קעניגליכע גערטנער" און זעהר א קורצער.

דער מאנאסטיר איז דער פרומסטער ארט אין שפאניען, און פונקט אזוי אנ'ארט פון אויסגעלאסענ-קייט. דערפון דערצעהלען קלאגעס און אבווייזונגען נישט דוקא פון היינט. נאך מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק האט מען וועגען איהם אזוי גערעדט.

מ'דארף אזא מאנאסטיר נישט פערבייטען מיט די ערטער, וואו ס'האלטען זיך אויף נאנעס, מאנאש קעס, הייליגע שוועסטער, די דאמען מיט די שווארצע קליידער, שווארצע שלייערן און ווייסע שטערן-בענדער, דאס איז א גאנץ אנדער טיפ פרומע אדער הייליגע. אזעלכע געהען דאך יערענפאלס אויף די גאסען. דער מאנאסטיר פון די „עכט הייליגע" האט בלויז אזעלכע איינוואוינערינס, וועלכע זעהען קיינ-מאל נישט אן די ליכטיגע וועלט.

צוליב דעם טאקע זענען זיי אריין אינ'ם מאנא-סטיר. זיי האבען זיך אונטערגענומען אפצוקומען דיעזער לעבען, צו זיין אפגעשיידט פון אלץ און אלע מען, צו ווערען איבערגעגעבען אינגאנצען, צו הייליגקייט, צו תפילות, צו לייטערען די נשמות זייערע.

קיינמאל נישט צו האבען קיין גלוסטונגען צו קערפערליכעס, צו ערדישעס, צו וועלטליכעס, אלע פערלאנגען דערשטיקען, אלע ליידענשאפטען אויס-לעשען, כסדר זיין פערוועבט מיט פרומקייט, מיט הימלישקייט.

ווער אונטערנעהמט זיך עס? איהר וועט אוודאי מיינען עלטערע פרויען, אפגעלעבטע, איז דאס פונקט פערקעהרטן — גראָר יונגע מיידלעך, מיט אלע יונגע בלוטען נאך הייס צוקאכט.

אנ'ענטוישטע אין ליבע ציהט זיך אהין; איינ-מאל בעגאנגען א זינד און די נשמה שטילט זיך נישט איין, דער געוויסען פלאגט, זוכט מען דארטען פערגעבונג און רוהה; מ'געהט אהין אוועק אויף צו אנטלויפען פון זיך אליין, אזוי ווי זעלבסטמארד...

נישט אלע וועלכע ווילען אהין אריינקומען, ווערען צוגענומען, ערשטענס קאסט עס געלד און זעהר א סך. באר רייכע קענען זיך פערגיבען אריין צוגעבען אהין א טאכטער, אהער א קרובה. שוין בלויז דער איינטריט קאסט א צעהן און פופצעהן און צוואנציג טויזענד זלאטעס, נאכדעם הויבען זיך אן מתנות-שיקען צו דער גאנצער קלויסטער-וועלט אין נאמען פון דער הייליגער טאכטער, אַ-דער שוועסטער, אדער קרובה, וועלכע קומען אהין אריין.

אינ'ם מאנאסטיר געפינען זיך איצט עטליכע און דרייסיג אזעלכע הייליגע. מאנכע זענען שוין דארטען א סך יאהרען, אריינגעקומען אהין אלס זעכצען און אכצען-יאהריגע מיידלעך. און איצט זענען זיי פערציג און פופציג-יאהריגע, זיי זענען פון הינטער די מויערן פון מאנאסטיר קיינמאל נישט ארויס. אפילו נאכ'ן טויט ווערט מען פון דאר-טען נישט ארויסגענומען.

איך בין דורכגעגאנגען די טיילען פון דעם מא-נאסטיר אין וועלכע מ'לאזט איינען קרובים פון די היי-ליגע פרוש'טעס, זיי, די הייליגע, קען קיין איין קרוב נישט זעהען, אפילו נישט פאטער אדער א מו-טער. ברענגט אימיצער א מתנה אזא הייליגער, ווערט עס איהר איבערגעגעבען דורך א דרעהענדי-גען קעסטעל אין א וואנט, פון איינער פון די מאנאס-טיר-געביידעס, די הייליגע איז אויף דער אנדער זייט וואנט, און מען זעהט איהר נישט. די מתנה ווערט אריינגעלייגט אינ'ם קעסטעל און ווען מען גיט דעם קעסטעל א דרעה, דרעהט ער זיך אוועק מיט דער מתנה צו דער זייט וואו די הייליגע געפינט זיך.

א קרוב קען צו א הייליגער רעדען אין געוויסע צייטען פון יאהר, אבער דאס רעדען קומט פאר אויף פאלגענדען שטייגער:

דער קרוב איז אויף איין זייט וואנט, די היי-ליגע איז אויף דער צווייטער זייט: אין מיטען וואנט איז דא א „פענסטערל" אין דער פארם פון א רעדעל; איבער דער רעדעל איז פערצויגען א געדיכטע זיפ פון דראט, מען קען הערען די שטימעס, אבער זיך זעהען קען מען נישט — אפילו נישט איין שטריך פון א פנים.

די שטימעס פון די הייליגע קען מען אויך הערען יעדען פארנאכט, ווען זיי זענען אין זייער ספעציעלען קלויסטער פאר תפילות אין א כאר. זיי געפינען זיך דאן אויף א באלקאן, וואס איז פערמאכט פון אלע זייטען, אונטערן באלקאן איז א קלויסטער-צימער, וואו מ'לאזט אריין בעזוכער, הערט מען פון דארטען דעם געזאנג פון די אפגעשיידטע פון דער וועלט, און פערשטעהט זיך, אז דערקענען בעזונדערע שטימעס קען מען נישט, מען הערט נאר געזאנג און דער איינדרוק איז, אז דער געזאנג, קומט אויף א געהיימניספולען שטייגער פון די ווענט ארויס, אין אנהויב איז דער געזאנג מיר גע-ווען א ליד וואס צוביבערט א ליד פון טיפער-טיפער בענקשאפט, געפאנגענע נשמות רעדען צו גאט, דער געזאנג איז אבער באלד געווארען מאנאטאן.

דער קלויסטער-צימער, וואו מ'הערט די תפילות, איז דער שוידער-ליכסטער, וואס איך האב ווען גע-זעהען אין מיין גאנצען לעבען, שוידערליך מיט די מארטירער-בילדער, וואס זענען צוהאנגען אויף זייבע ווענט. מארטירער-בילדער פון קריסטוס'ען און מארטירער-בילדער פון זייבע אפאסטאלען און

פון סתם קריסטליך-הייליגע.

* * *

זינד אין דעם מאנאסטיר. געשיכטעס פון אויס-געלאסענקייט. די זינד ציהט זיך פון פיל דורות צוריק. טיילען פונ'ם מאנאסטיר-הויף זענען שוין אלט פיל הונדערטע יאהרען. איבער דעם טייל שפאניע איז אמאל געווען א קעניג, וועמען מ'האט גערופען „העגרי דער אימפאטענטער". ער איז גע-ווען א צולאזענער, א דעגענעראט, א שוואכזיניגער, וועמען עס האט זיך כסדר געוואלט זיין צווישען פרויען און פיהלען זייערע קערפערס. אין די איצט-אלטע טיילען פונ'ם מאנאסטיר-הויף פון די „עכט-הייליגע". האט ער אויך געהאט א מין מאנאסטיר. דאס איז געווען א ספעציעלער מאנאסטיר פאר זיין פרוי. ער האט זי געהאלטען דארטען פערשלאסען מאנאטען און מאנאטען, זי זאל זיך אפגעבען מיט תפילות צו גאט, אז זי זאל איהם, דעם קעניגליכען מאן איהרען, געבוירען א קינד. און אזוי ווי תפילות האבען נישט געהאלפען, האט ער דארטען אריינגע שיקט א באראן פון זיינע הויפען, זי זאל פון א „ליבע מיט איהם" געבוירען א קינד.

דאס איז אלטע געשיכטע, אבער אין שפעטער'ע דורות האט דער פלאץ געהאט פונקט אזא נאמען פאר אנ'ארט פון ווילדע פרימקייט און ווילדע אויסגעלא-סענקייט. א מאנאסטיר ווי ער איז איצט, איז ער געווארען אין די אינקוויזיציע-צייטען. איהם איז אויסגעקומען צו שפילען א ראלע אין דער אינקווי-זיציע. אין יענע צייט דאן האט אויסגעבראכען א מגפה, א פעסט. דאס האט זיך גענומען פון די טויטע קער-פערס, וועלכע האבען זיך געוואלגערט אין סעווילער געסלעך, און פונ'ם ריח פון קערפערס, וועלכע האבען זיך לעבעדיגערהייד געבראטען אויף די פייערען. די ריכטער פון דער אינקוויזיציע האבען מורא געקראגען, אז אויך זיי וועלען אומקומען פון דער פעסט. זיי האבען פערלאזען די גאסען פון סעוויל, און זיך בעזעצט אינ'ם מאנאסטיר, און איין פרייטאג זענען אויפ'ן הויף פון זעלבען מאנאסטיר פערברענט געווארען זעכצעהן יודען. און דאן זענען אויך געווען קלאגעס, אז אינ'ם מאנאסטיר קומט פאר אויסגעלאסענקייט. פונ'ם פויפסט אין רוים איז אפילו אנגעקומען א ווארנונג. ער האט געשריבען, אז צו איהם זענען געקומען קלאגעס פון פרויען, אז זיי זענען פערנארט געווארען פון גלחים אין דעם מאנאסטיר צו זיין „געליבטע" פאר זיי.

וועגען פרומקייט און זינד איצט, רעדט מען ערשטענס וועגען אינטריגעס. ווייבאלד ס'איז א מא-נאסטיר, וואו בלויז רייכע קענען אריינקומען, וואו מ'דארף איינצאהלען טויזענדער דאלאר צו ווערען דארטען אריינגענומען, פלעגען פאמיליעס, באהענט צום קעניגליכען הויף, זיך ווענדען אין הויף ער זאל זעהן, אז מ'זאל די אדער יענע פרוי אריינ-נעמען אינ'ם מאנאסטיר. מיט זוכען הויף-פראטעק-ציע קומען אינטריגעס ממילא אויך חניפה און אינטריגעס אין שייכות צו פרויען-פרומקייט און צו לייטערען זינדיגע פרויען-נשמות האבען גע-פיהרט צו אינטימע בעציהונגען צווישען גלחים און אזעלכע פרויען. און דער מאנאסטיר איז גע-ווארען א סארט פיר-הויז צו שטילע „רעליגיעזע ראמאנען", אין דער אמת'ן „זינדיגע ליבעס". מ'-האט גערעדט וועגען „נשמה", און דערביי איז געווען עפעס אנדערש. עס זענען געווען א גאנצע רייה פאלען, וואס מאנאכען האבען געלעבט מיט די „עכט-הייליגע" מיידלעך, די אפגעשיידטע פון דער וועלט, זיי דערביי איבעריערנדיג, אז וועגען אזעל-כע פערקערען דארפען זיי נישט געהען „זיך מודה זיין" פאר די פריסטער.

און מ'האט זיך דערוואוסט, אז אין מאנכע

(ווייטער זעה 9-טע זייט)

האנדווערקעריי און האנדעל

אויף דער וואר

די סאוויעטישע האנדעלס-דעלעגאציע אין לאדז

נעכטען איז געקומען קיין לאדז די סאוויעטי-שע האנדעלס-דעלעגאציע בראש מיט'ן פאלקס האנ-דעלס-קאמיסאר באיעוו.

דער וויזיט פון דער דעלעגאציע אין לאדז וועט זיכער בעגריסט ווערען דורך די ווירטשאפטליכע קרייזען ביי אונז אין שטאט, בישט די-פאר וואס דער וויזיט קען ברענגען קאנקרעטע רעזולטאטען, נאר אויך דערפאר ווייל ער איז א בעווייז פון פערבונדען פאנגערע ווירטשאפטליכע בעציהונגען צווישען ביי-דע לענדער.

שוין נאכדעם, ווי פוילען האט געשלאסען דעם נישט-אנגריפס-אפמאך איז געווען קלאר, אז ביי דעם קען דאס נישט בלייבען שטעהען, אז נאך דעם דאזיגען אפמאך דארפען קומען אונטערהאנדלונגען וועגען א האנדעלס-אפמאך, פערשטעהט זיך, אז ס'-האלט געווען צו אפטימיסטיש פעסטצושטעלען, אז טאקע אט דער וויזיט שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט די אונטערהאנדלונגען וועגען טראקטאט, דאס האבען אפגעלייקענט סיי ה' באיעוו און סיי דער מיטגליד פון קאמיסאריאט פאר'ן אויסערן האנדעל ה' מאמאריו, אבער מעגליך איז דאס אבער דאך, טראץ די הכחשות, אז דער אויספלוג פון דער האנ-דעלס-דעלעגאציע זאל זיין דער אנהויב פון אונטער-האנדלונגען וועגען א האנדעלס-טראקטאט צווישען פוילען און די סאוויעטען

ווי ס'זאל נישט זיין געהען אין צוזאמענשטעל פון דער דעלעגאציע איין פארשטעהער פון די גרוי-סע רוסישע אימפארט-אינסטיטוציעס, וועלכע וואל-טען זיך געוואלט בעקענען מיט אלע מעגליכקייטען פון דער אינדוסטריע צו פראדוצירען ארטיקלען פון פוילישען עקספארט. ביי די דאזיגע בעדינגונגען, ווי אויך דער צוזאמענשטעל פון דער דעלעגאציע בעווייזט דערויף, אז די סאוויעטען האנדלט זיך וועגען אויסנוצען אלע מעגליכקייטען כדי צו פער-גרעסערען די האנדעלס-אומזאצען מיט פוילען. די דאזיגע אומזאצען האבען אין די לעצטע יאהרען געוויזען א געוויסע ירידה, אזוי זענען די דאזיגע אומזאצען אין יאהר 1932 געפאלען מיט 27 פראצענט אקעגען די אומזאצען פון יאהר 1931. ס'זענען פערהאן זעהט אויס, נישט קוקענדיג אויף דעם גוטען ווילען, געוויסע שטערונגען, אז די ווירטשאפט-ליכע בעציהונגען זאלען אננעהמען בולט'ע פארמען, די דאזיגע בעציהונגען האבען געדארפט זיין גוטע, ווען מ'זאל בעהמען אין בעטראכט דעם ווירטשאפט-ליכען צוזאמענהאנג מיט'ן רוסלאנד פאר דער מלחמה, פערשטעהט זיך, אז ס'איז פערהאן איצט צווישען די דאזיגע צוויי לענדער א גרויסער אונטער-שיד אין אופן פון ארגאניזירען דעם האנדעל ביי די סאוויעטען-איז דער גאנצער אויסערן-האנדעל צענטראליזירט אין מלוכה-אינסטיטוציעס, ביי אונז איז נישט פארהאן אזא צענטראלע אינסטיטוציע וואס וואלט געקענט פעראייניטליכען דעם האנ-דעלס-אומזאץ מיט סאוויעטען-רוסלאנד.

א בעזונדערע וויכטיגע בעדייטונג האט דאס פראבלעם פון ווירטשאפטליכער צוזאמענארבייט מיט סאוויעטען-רוסלאנד — די שטאט לאדז, היינט ער וואס בעזונדער'ס די טעקסטיל-אינדוסטריע, זעהר פיל פון דעם וויזיט פון דער סאוויעטישער האנ-דעלס-דעלעגאציע, מ'קען נאך נישט וויסען ווי גרויס ס'קענען זיין די טראנזאקציעס פון דער דעלעגאציע אין לאדז, דעריבער דארף מען זיך נישט מאכען קיין צו שטארקע אילוזיעס, דאס שוואכט אבער נישט אפ די בעדייטונג פון דעם וויזיט אין לאדז, דער דירעקטער צוזאמענטרעף מיט די פארשטעהער פון דער אינדוסטריע וועט פיל מיטהעלפען צו פער-בעסערען די ווירטשאפטליכע בעציהונגען.

דאס מאל לעגען פיל אויפמערקזאמקייט אויף דער וויזיט פון דער סאוויעטישער דעלעגאציע די לאדזער האנדווערקער, ס'זענען פערהאן זעהר גרוי-סע אויסזיכטען, אז די סאוויעטישע האנדעלס-דעלעגאציע זאלען זיך פעראינטערעסירען מיט האנד-ווערקער-אויסארבייטונגען און דאס דווקא וואלט גע-קענט האבען א גאר גרויסע בעדייטונג, דעריבער נעהמט אין דער אויפנאהמע פון דער דעלעגאציע א שטארקען אנטייל א חוץ די האנדעלס-קאמער אויך די לאדזער האנדווערקער-קאמער.

י. ד.

וואס יעדער סוחר און האנדווערקער דארף וויסען?

סעזאן-פאטענטען.—אומזאץ-שטייער אויפ'ן יאהר 1932.—פערמעגענס-שטייער.—הנחה-טאריף אויף ערעקטרי פאר קליינהענדלער

אויף די וועכענטליכע שמועסען, וועלכע קו-מען פאר אין צענטראלען קליינהענדלער פעראיין. פאמארסקא 15 יעדען זונטאג זענען בעריהרט גע-ווארען עטליכע וויכטיגע פראגען אין צוזאמענהאנג מיטן זומער-סעזאן איז אקטועל געווארען די פראגע.

סעזאנאווע פאטענטען און קאנצעסיעס אויף פאפיעראסען אויף די זומער-וואוינונגען

וועגען דעם האט א ספעציעלע דעלעגאציע מיטן ראטמאן כארי בראש אינטערווענירט אין שטייער-אמט און אויך אין אקציזען-אמט אויף דער לאדזער אומגעגענד, ווי מ'האט צוגעזאגט אהן שוועריגקיי-טען, אויפן סמך פון אינדיווידועלע ביטעס, וואס דארפען זיין מאטיווירט מיטן מאטעריעלען מצב און ס'מוז אנגעגעבען ווערען דער מיניסטעריעלער צירקולאר, ארויסצוגעבען קאנצעסיעס אויף פאפיע-ראסען ווי אויך פאטענטען-סעזאנאווע-האלביעריגע.

די שטייער-אמטען האבען שוין צושיקט די צאהל-צעטלען אויפן

אומזאץ-שטייער פארן יאהר 1932

וועער ס'האט ביז היינט נאך נישט דערהאלטען, די צאהלונגס-אויפפאדערונגען דארף זיך מעלדען אין שטייער-אמט און פאדערען דעם נאקאז, אויף די זעלבע נאקאזען געפינען זיך אויך די „זאליטש-קעס" אויפן יאהר 1933 אויף וועלכע מ'דארף ליי-גען גרויס אכט, ווייל ביז אהער זענען זאליטשקעס געווען אין דער הויך פון 80 פראצ. לויטן שטייער פון פערגאנגענעם יאהר

יעצט דארפען די זאליטשקעס זיין אין דער הויך פון 40 פראצ.

(יעדער איינע זאליטשקע 10 פראצ.) ווייל פאר יעדער א רט דעטייל-האנדעל וואס פיהרען נישט קיין ביכער, א חוץ ארטיקלען פון ערשטען געברויך, זאדע-וואסער און גאסטראנאמישע-אנשטאלטען (צו-קערניעס, רעסטאראציעס, הערבאטשארניעס, מלע-טשארניעס וועט מען צאהלען אין יאהר 1933 נאר 1 פראצ.) צ. ב. פארן יאהר 1932 האט מען גע-שאצט א גאלאנטעריע-געשעפט פון 10,000 זל. צו בעצאהלען פון דעם (2 פראצ. מלוכה'שען און א האלבען פראצ. קאמונאלען-שטייער) איז דא 250 זל. זאליטשקעס ביז אהער איז געווען צו 50 זל. היינט (אויפן יאהר 1933) וועלען די זאליטשקעס זיין צו 25 זל.

די אינדוסטריע צאהלט ווייטער 2 פראצ., האנטווערקער וואס בעזיצען האנטווערקער-קארטען און ארבייטען אליין אדער מיט דער הילף פון איין מענש פון דער פאמיליע, זענען בעפרייט פון צאהלען אומזאץ שטייער, די וואס ארבייטען מיט מעהר צאהלען 1 פראצ. אויב זיי בעזיצען האנט-ווערקער-קארטען אין גאנצען – 2 פראצ.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן נייעם געזעץ, וועגען פערמעגענס-שטייער, האט דאס פינאנץ-מיניס-טעריום ארויסגעגעבען א צירקולאר ל. ד. פ. 15774/2/33, לויט וועלכען די שטייער-אמטען, ווערען בעאויפטראגט צו

שענקען דעם טייל פערמעגענס-שטייער,

וועלכער איז נאך נישט צאהלבאר.

די צאהלער ביי וועלכע דאס פערמעגענס איז אפגעשאצט געווארען ביז 10,000 זל. מוזען בעצאהלען דעם גאנצען שטייער, די איבריגע ווערט געשענקט 60 פראצ., 30 פראצ., 15 פראצ. אמבעלאנגט אין דעם צו וועלכער פון די גרופעס דער בעטרעפענדער געהערט.

די עלעקטראווניע פיהרט איצט אדורך קאנטראלעס

אין אלע געוועלבער, און די וועלכע זענען אפען לענגער ווי ביז 7 מוזען צאהלען א העכערן טא-ריף. אין צוזאמענהאנג מיט דעם האט דער צענ-טראלער קליינהענדלער-פעראיין, פאמארסקא 15,

אויסגעפועלט א הנחה-טאריף פאר איהרע מיטגלידער

געוועלבער וואס זענען אפען ביז 7 צאהלען א נארמאלען טאריף, ווער ס'וועט ביילעגען א לעגי-טימאציע און א ספעציעלע בעשייניגונג פון פער-איין וועט צאהלען מיט 25 פראצ. ווינציגער, גע-וועלבער וואס זענען אפען לענגער ווי ביז 7 (אוואצארניעס, רעסטאראנען, צוקערניעס, מלעטשאר-ניעס א. א.) וועלען צאהלען 33 פראצ. ווייניגער

די שלאכט אויפ'ן וואלוטע-פראנט

וועער האט זיך דאס געריכט אויף אזא מפלה? יאהרענלאנג האט אמעריקע אנגעשטאפט די גאנצע וועלט מיט איהרע דאלארען; זיי זענען געווען אייזענפעסט; מען האט געגלויבט אין זיי, ווי אין א גאט; מלוכות האבען געליען נאר דאלארען; פריוואטע מענשען האבען געקליבען קאפיטאלען נאר אין דאלארען; צו קיין אנדער מטבע האט מען נישט געהאט קיין צוטרוי — אפילו נישט צום ענג-לישען פונט.

און פלוצלונג אזא מפלה אויפ'ן דאלאר; ער פאלט פון טאג; נאך מעהר: דעם קורס ווארפט זיין אייגענער באלעבאס; די אמעריקאנער בירזשע, די אמעריקאנער באנקירען און פינאנסיסטען, די א-מעריקאנער רעגירונג.

אנשטאט דעם דאלאר, בעפעסטיגען זיך גאר די היימישע וואליוטעס, פון וועלכע מען האט נישט געהאלטען; גאפט דער עולם און וואונדערט זיך: וואס קומט דא פאר?

מען האלט עס פאר רוזוועלטס א מיטעל צו הויבען די פראדוקציע; וועט זיך הויבען די פראַ-דוקציע, וועט ווערען א פאדערונג אויף ארבייטס-הענט, וועט עס במילא זיין א מיטעל צו דער אר-בייטסלאזיגקייט און א רפואה צום שטילשטאנד אין האנדעל.

דאס שטעלט מען זיך פאר אזוי:

וואס ביליגער דער ווערט פון פאפיר-געלד (דערביי מיינט מען דעם בריטען עולם, וועלכער האלט נאר פאפיר, ווייל גאלד האלטען דאך יחידים) אלץ טייערער איז דער ווערט פון פראדוקטען; קלאָ-רער, וואס מעהר ענטווערטעט עס ווערט דאס פאפיר געלט, אלץ מעהר שטייגט די בעדערפעניש צו פער-וואנדלען דאס געלד אין ווערט-זאכען; וועט דער עולם אנהויבען אלץ מעהר איינקויפען זיך זאכען, חפצים, פאבריקאטען א. א. וו.; וועט דאס שוין במילא ארייננטראגען אנ'אויפלעבונג אויפ'ן היימי-שען מארק, וועט דערפון געווינען די פאבריקאציע, די רעדער וועלען צוריקגעלאזט ווערען אין גאנג, ארבייטסלאזע וועלען צוריק אנהויבען ארבייטען, פערדינען געלד און געבען צו לייזען און עס וועט ווידער אויפשייבען די „פראספעריטי".

דאס איז אין לאנד גופא; דאן וואו איז אויס-לאנד? וועט ווערען ביליגער דער דאלאר, וועט לייכטער זיין צו עקספארטירען אמעריקאנער סחורה אין אויסלאנד, ווייל די אייראפעאישע מלוכות וועט דא קאויסקומען צו צאהלען פאר אמעריקאנער סחו-רות ביליגער, וועט זיי במילא לוינען, צו קויפען ביי אמעריקע ארטיקלען און דאס וועט פערשטארקען אמעריקעס פאזיציע אויף די אייראפעאישע מערק.

די דאזיגע סברה ווייזט אויס צו זיין אמוואר-שיינליכסטען און לייגט זיך אויפ'ן שכל.

און מען מוז מודה זיין; רוזוועלטס מיטעל איז א מיטעל, מיט'ן האט קען מען דאס נישט אוועקמאכען; אבער דער מיטעל איז נישט זייגער; ער איז א געגנבעטער ביי מאקדאנאלדן, דעם ענגלי-שען פרעמיער.

מיט אנדערטהאלבען יאהר צוריק איז ענגלאנד געווען די ערשטע, וואס האט אט דעם מיטעל אנ-געווענדעט; זי האט געווארפען איהר אייגענעם פונט; דער עקספערימענט איז איהר געלונגען; איהר עקספארט האט זיך א הויב געטאן; האט זיך אויף איהר פערקוקט אמעריטשקע, און רוזוועלט האט גענומען ווארפען דעם דאלאר, ד. ה. קאנקו-רירען מיט ענגלאנד.

האט זיך ענגלאנד, פערשטייט זיך, דערשראָ-קען; זי האט דאך דערפאר געווארפען דעם פונט מיט אנדערטהאלבען יאהר צוריק, ווייל ער איז גע-ווען די טייערסטע מטבע, צו וועלכער מען האט נישט געקענט צוקומען; איצט, אז זי האט דעם פונט אראפגעלאזט פון מקח און דערמיט געוואונען אין עקספארט. קומט אמעריקע און מאכט אויך ביליגער איהר דאלאר ד. ה. זי קאנקורירט מיט איהר עק-ספארט; דאס איז שוין צו נעפעלדיך; דאס וועט זי שוין נישט לאזען; אויב קאנקורענץ איז אויף לעבען און טויט; האט ענגלאנד גענומען ווייטער ווארפען דעם פונט; און מיר זעהען טאקע אז וואס נידעריגער ס'פאלט דער דאלאר, אלץ נידעריגער פאלט אויך דער פונט.

ווי לאנג ס'וועט דויערען דער דאזיגער גע-ראנגעל צווישען פונט און דאלאר אדער ריכטיגער צווישען ענגלישען און אמעריקאנישען עקספארט — קען מען נישט וויסען; ווער וועט זיגען, איז אויך שווער פאראויסצוזאגען, הגם אנגענומען איז, אז ס'זיגט תמיד דער שטארקערער און אין דעם פאל איז עס אמעריקע: אבער היינטיגע צייטען זענען בכלל אפגעווישט די גרעניצען פון „שטארק" און „שוואך" און די בעגריפען וועגען דעם זענען היינט אזוי מטושטש, אז מ'קען פאראויס נישט מאכען וועגען דעם קיין אויספיהרען, ווייל זיי קענען זיך דער-נאך נישט בעשטעטיגען.

צוליב אזעלכע זאכען פלעגען אמאל אויסברע-כען מלחמות און ענטשיידען דעם ענין פלעגט שוין די שווערד, ווייל איינעמען מערק, דערגרייכען א וואס גרעסערן עקספארט איז פאר יעדער מלוכה א לעבענספראגע.

אזוי ווייט באטירליך האלט נאך נישט צווישען ענגלאנד און אמעריקע; פארלויפיג בעגרעניצט זיך זייער מלחמה אויפ'ן וואלוטע פראנט; אבער קרבנות זענען אלץ איינס פערהאן און דערצו נאך קרבנות פון א דריטען צד — די אייראפעאישע לענדער, וועל-כע מלוכות האבען אנגעליען ביי אמעריקע הלוואות און דעקען וועלען זיי דאס מוזען אין גאלד, וואס שטייגט פראפארציאנעל מיט'ן פאלען פון דאלאר, ווי אויך די אייראפעאישע בעפעלקערונג, וואס האט געקליבען פאפירענע דאלארען און זייערע קאפי-טאלען זענען שוין איצט קלענער געווארען מיט א גאנץ בעדייטענדען פראצ.

א. י.

סוויטער-נייער אין לאדז ארגאניזירען זיך

פערהאן אין לאדז א פאך, סוויטער-נייער, וועלכעס ציילט ביז 400 בעלי-מלאכות, צוליב דער גרויסער צאהל הענט און צוליב דעם וואס דאס פאך איז נישט געווען ארגאניזירט זענען די ארבייטס-בעדינגונגען אין דעם פאך אויסערגעוועהנליך נידע-ריגע, עס טרעפט וואס פאמיליעס פון 8 פערזאן זע-נען בעשעפטיגט ביים נייען סוויטערס ביז 16 שעה אין טאג און פערדינען דעריבער 3 זלאטעס. עס האָ-בען דערפאר א גרופע איניציאטארען גענומען אויף זיך די אויפגאבע אייננצושטעלען אין דעם צווייג א שטיקעל ארדנונג און אנגעהויבען ארגאניזירען די סוויטער-נייער. שוין זונטאג איז אין דער אנ-וועזענהייט פון קנאפע 100 מענשען פארגעקומען אנ'ארגאניזיר-פערזאמלונג אין לאקאל פון האנט-ווערקער-פעראיין, פיעטריקאווער 64, מיט פרייד האָ-בען די אנוועזענדיגע אויפגענומען די ידיעה פון גרינדען פאר זיי א סעקציע. עס איז באלד אויפ'ן ארט רעגיסטרירט געווארען 50 מיטגלידער און גע-וועהלט געווארען א פאך-קאמיסיע פון 7 פערזאן, ה' טאפקאל אלס פארזיצער, ה' באפטאלעוויטש אלס וויצע-פארזיצער, און ה' פאלאשינסקי אלס סעק-רעטאר.

ביי די טריקא-נייער

אין צוזאמענהאנג מיט'ן פארשטייענדיגען סע-זאן אין טריקא-נייער-פאך איז נאך א לענגערן אי-בעררייס פארגעקומען א בעראטונג פון די פיהרער פון דאזיגען פאך. נאכ'ן ארומרעדען א גאנצע רייה איינצעלהייטען וואס האבען א שייכות צו בענייען די טעטיגקייט אין דערמאנטען פאך, איז בעשלאסען געווארען אין די נאהענטסטע טעג צו רופען א גרויסע פערזאמלונג פון אלע טריקא-נייער אין לאָ-קאל פון האנטווערקער-פעראיין, פיעטריקאווער 64. דער טערמין פון דער פערזאמלונג וועט בעזונדער אנאנסירט ווערען.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג 9 יג איער תרצ"ג

מאי

זון-אויפגאנג 3.53
זון-אונטערגאנג 7.13

פאבאר פון יאהרגאנג 1912

היינט, דינסטאג, דעם 9-טען ד. ח. דארפען זיך שטעלען פאר דער קאמיסיע נומער 1 (אל. קאשטשושקי 21) די פאבאראוועס פון יאהר-גאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 3-טען קאמיסאריאט מיט די אותיות:

F H Ch

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 2 (אגראַ-דאווע 34) די פאבאראוועס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 1 קאמיסאריאט מיט די אותיות:

S Sch Sz Ś

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 3 (פיעט-ריקאווער 165) די פאבאראוועס פון יאהרגאנג 1911, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 5-טען קא-מיסאריאט מיט די אותיות:

I J K L Ł M N O

מארגען, מיטוואך, דעם 10 ד. ח. דארפען זיך שטעלען פאר דער קאמיסיע נומער 1 (אל. קאשטשושקי 21) די פאבאראוועס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 3-טען קא-מיסאריאט מיט דעם אות:

G

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 2 (אגראַ-דאווע 34) דארפען זיך שטעלען די פאבאראוו-עס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 1 פאליציי-קאמיסאריאט מיט די פאמיל-יען-נעמען אויף די אותיות:

R T U W

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 3 (פיעט-ריקאווער 165) די פאבאראוועס פון יאהרגאנג 1911, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 5-טען קא-מיסאריאט מיט די אותיות:

P R S Sch Sz S T U W Z Ź Ż

נאכ'ן וואהל פון מלוכה-פרעזידענט

(2) אין שייכות מיט'ן וועהלען דעם מלוכה-פרעזידענט — האבען נעכטען נאכמיטאג אדורכ-מארשירט איבער דער שטאט מיליטער-ארקעסטערס פונ'ם לאדזער גארניזאן אין דער אסיסטענץ פון הערען-קאמפאניעס.

פון האנדעלס-געריכט

בעקעריי-בעזיצער יוליוש ראט פון אנדערספאל אונטער אופאדלאשטש. — אופאדלאשטש פון הערשעל און שלמה אסטראוויטש — ליקווידירט

אויף דער נעכטיגער זיצונג, האט דאס האנ-דעלס-געריכט פערעפענטליכט אנ'אופאדלאשטש דעם בעקעריי-בעזיצער פון אנדערספאל (ביי אנדושעיעוו) יוליוש ראט.

דער צייטוו. טערמין פון אופאדלאשטש איז בעשטימט געווארען אויפ'ן 3. דעצעמבער 1932. אלס געריכטס-קאמיסאר איז נאמינירט געווארען דער האנדעלס-ריכטער סט. קאפשטשינסקי. ראט איז געשטעלט געווארען אונטער פאליציי-אישער אויפזיכט.

אין שייכות דערמיט, וואס געגען דעם אופאדלאשטש פון דער פירמע הערשעל און שלמה אסטראוויטש (קילינסקיעגא 90) זענען מצד די קרעדיטארען אריינגעטראגען גן ווארן 2 אנקלאגעס, האט דאס געריכט אויף דער נעכטיגער זיצונג דעם אופאדלאשטש ליקווידירט.

אין שייכות מיט דעם אופאדלאשטש פון דער פירמע „יעקב גאלדבערג און פנחס היימאן" פארבעריי און מערציזעריי אין אלעקסאנדער הינטער לאדז, האט דאס געריכט איינעם פון די שותפים, מענדעל גאלדבערג'ן בעפרייט פון אופאדלאשטש.

געגען דעם האבען די קרעדיטארען אפגעגע-בען אנ'אפעלאציע. אין די נאהענטסטע טעג וועט דער ענין בעטראכט ווערען דורכ'ן אפעלאציע-געריכט אין ווארשא.

אין די נאהענטסטע טעג וועט אין געריכט בעטראכט ווערען די פראגע וועגען ליקווידירען דעם אופאדלאשטש פון ס. זאראמב.

די סאוויעטישע דעלעגאציע אין לאדז

(2) נעכטען ביינאכט, 1 מיט 10 מינוט, איז מיט'ן ווארשעווער צוג אנגעקומען אויף דער סטאציע לאדז-פאבריטשנא, די סאוויעטישע האנ-דעלס-מיסיע.

בראש פון דער מיסיע זענען געקומען: דער קאמיסאר פארן אויסערן-האנדעל באיצוו, און דער ספעציאליסט פאר'ן טעקסטיל-האנדעל ה' טאמארין.

מחמת דער שפעטער צייט האבען די געסט איבערגענעכטיגט אין די וואגאנען אויף דער סטאציע.

דעם אפיציעלען קבלת פנים פאר די געסט וועט מאכען די האנדעלס- און אינדוסטריע-קאמער, 9 אינדערפריה.

קיין גרויסער ארימאן איז ער נישט

אבער ער האט זיך געוואלט העלפען און „ארויסגעבארגט" 37 מיט א האלבען טויזענד זלאטיס

(2) אין יאנואר ה. י. האט א מיניסטעריאלע קאנטראל-קאמיסיע אין לאדז פעסטגעשטעלט, אז דער פראכט-קאסירער פון דער סטאציע לאדז-פאבריטשנא, פענסטערל נומער 5, סטעפאן שימ-טשאק, האט זיך „ארויסגעבארגט" פון דער באהן-קאסע א קימאלן פון 37,541 זלאטעס.

האט מען דאך א פרעג געטון: וואס טייטש? וואס איז עס?

האט דער קאסירער געענטפערט בע-מע, באשר בכן ער איז געווען אין א שווערער סיטו-אציע, האט ער זיך ארויסגעבארגט דאס געלד אויף א קורצער צייט...

נעכטען איז פארגעקומען זיין פראצעס אין קרייז-געריכט, און זיינע אדוואקאטען קאבילינסקי און פיאטר קאן האבען דערקלעהרט, אז דער 56-יעהריגער קאסירער סטעפאן שימטשאק האט אפ-געארבייט אויף דער באהן 34 און א האלב יאהר, אז נאך א האלב יאהר דארף ער אריבער אויף עמעריטור, אז 10 טויזענד זלאטעס פונם „געבארג-טען" געלד האט ער צוריקגעקערט, אז איצט בעמיהט ער זיך צו פערקויפען איינע פון זיינע 2 הייזער (אגב איז אויך די עלעקטראווניע אין סו-שינעק — זיינע) און ער וועט די מאנקא דעקען...

נעהמענדיג דאס אלץ אין בעטראכט, איז דער פראצעס איבערגעריסען געווארען ביז'ן 20-טען ד. ח.

„איך נעהם זיך דאס לעבען —

איך בעט קיינעם נישט צו בעשולדיגען. די וועלט איז געמיין!"

זעלבסטמארד פון אנ'אונבעקאנטען יונגערמאן

(2) עהרנעכטען אין אוונט האבען די פאסאזשירען אויף דער באהן-סטאציע אין זגערזש, ווארטענדיג אויפ'ן אנקומען פונם צוג, פלוצים דער-הערט א שאס...

מען איז אריינגעלאפען אין דער פאטשט-קאלניע פון וואנען דער שאס האט אפגעהילכט, און מ'האט דארט געטראפען א ליגענדיגען יונגער-מאן, וועלכער האט געהאלטען פערקלעמט אין זיין האנד א רעוואלווער.

די תיכף ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט פעסטגעשטעלט, אז די רעוואלווער-קויל האט גע-טראפען דעם יונגענמאן אין הארץ, און אז ער איז שוין טויט.

ווער ער איז האט מען נאך דערווייל נישט פעסטגעשטעלט, ווייל מ'האט ביי אים קיין שום דאקומענטען נישט געפינען, חוץ א צעטעלע אהן אנ'אונטערשריפט, פון פאלגענדען אינהאלט:

„איך נעהם זיך דאס לעבען. איך בעט קיי-נעם נישט צו בעשולדיגען. די וועלט איז געמיין!".

אזוי ווי אויפן צעטעלע איז אויך פערהאן א דאטע: „לאדז, 7 מאי 1933" — איז זיך פא-ליציי משער, אז דער זעלבסטמערדער איז א לאדזער.

ער איז א יונגערמאן פון אנ'ערך 28 יאהר אלט, א טונקעלער שאטין. פון מיטעל-וואוקס, אני-שטענדיג אנגעטון, אין א העלען זומער-מאנטעל, א העלען אנצוג אין שווארצע קראטען און פילץ-הוט.

דער טויטער קערפער איז אריבערגעפיהרט געווארען אין שטאטישען מתים-שטיבעל.

עס ווערט געפיהרט אנ'אויספארשונג.

רעגיסטראציע פון סעזאן-ארבייטער הויבט זיך אן די טעג

2) היינטיגע וואך וועלען אין מאגיסטראט פארקומען איניגע זיצונגען וועגען דער פראגע פון די סעזאן-ארבייטען.

גלייך דערנאך וועט מען אנהויבען צו רע-גיסטרירען און אנגאזשירען די סעזאן-ארבייטער.

פונקט אזוי, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען, וועט עס אדורכפיהרען דער פונפ.

געארבייט וועט ווארשיינליך ווערען אין א קלענערען פערנעהם.

מען האפט אבער, אז א טייל ארבייטסלאזע וועט בעקומען בעשעפטיגונג ביים אויסבעסערען די וועגען אין לאדזער קרייז, וואס דאס דארף ארגא-ניזירען דער ארבייטס-פאנד.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: י. קאפ-ראווסקי (נאוואמיעיסקא 15), ס. טראוקאחסקי בזשעזשינער 56), מ. ראזענבלום (שרודמיעיסקא 21), מ. בארטאשעווסקי (פיעטרקאווער 95), י. קלופטא (קאנטנא 54), ל. טשינסקי (ראקיטשינער 53)

אין פעטריקאוו און טאמאשאוו

די שטרייקען, פראטעסטען און דעמאנסטראציעס

(2) נעכטען האבען מיר שוין איבערגעגעבען וועגען דער דעמאנסטראציע פון די סעזאן-ארביי-טער פאר'ן מאגיסטראט אין פעטריקאוו, וואו עס אין צווישען די ארבייטער און מאגיסטראט פאר-געקומען א סכסוך צוליב דעם, וואס די סעזאן-ארבייטער האבען זיך געשטעלט צו דער ארבייט, איידער מ'האט זיי וועגען דעם געבעטען, און דער מאגיסטראט האט זיי דעריבער נישט געהאט מיט וואס פאר דער ארבייט צו בעצאהלען.

ווי מיר האבען שוין געמאלדען, האט מען דעם דעמאנסטרירענדען המון פונאנדערגעטריבען, און בעת מעשה זענען צוקלאפט געווארען עטליכע פערזאן, ובתוכם א זויג-קינד, און איין פאליציאנט איז צוקאליעטשעט געווארען מיט א מעסער.

איצט איז שוין אין פעטריקאוו די רוה און ארדענונג פולשטענדיג צוריקגעשטעלט געווארען, און דער מאגיסטראט איז אדורכגעקומען מיט די סעזאנאוועס.

דערפאר אבער ווערט אלץ קאמפליצירטער די שטרייק-סיטואציע אין טאמאשאוו. הגם מען איז שוין דארט אדורכגעקומען מיט 27 פונקטען פון צווישען דער אלגעמיינער צאהל 30.

בעת מ'האט געפיהרט די אונטערהאנדלונגען, האבען אין דער טאמאשאווער קונסט-זייד-פאבריק 2,000 ארבייטער (די גאנצע טאג-שיכט), וועלכע האבען אקופירט די פאבריק.

אין שייכות מיט דער פערשארפטער שטרייק-לאגע, איז נעכטען ווידער ארויסגעפאהרען קיין טאמאשאוו דער קרייז-ארבייטס-אינספעקטאר, כדי משפיע צו זיין אויף ביידע צדדים, אז דער סכסוך זאל וואס שנעלער ליקווידירט ווערען.

Dr. med. H. LUBICZ

ספעצ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32.
נעהמט אן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאכמ. און פון 5–8 אוועגד, זונטאג פון 9–11 בייטאג.

קאסמעטיק

ס'איז שוין פריהלינג!

הורט און דעמייל!
רעיעלע און סאלידע בעהאנדלונג

מים נבטנגג
Perfumerja
J. Drukeir
5 ZAWADZKA 5
tel. 175-92.

פאר ענגראסיסטען בעדייטענדער ראבאט

קאסמעטיק מאכט שעהן און פריש!

בעזוכט די איינציגע גרעסטע רענאמירטע
פערפומעריע
י. דרוקער
5 זאוואדזקא 5
טעל. 175-92

בעזוכט דעם רייכסטען אויס-וואהל פון די נייעסטע פאריזער
פערפומען
ערשטקלאסיגע פודערן,
טואלעט-זייפען או"וו
צו פאבריקס-פרייזן

פאליטישער פראצעס

(2) נעכטען זיינען דורכ'ן קרייז-געריכט פער־משפט געווארען די בעשולדיגטע אין פיהרען א קאמוניסטישע טעטיגקייט: די 19-יעהריגע רבקה טיבערג – אויף 1 יאהר טורמע; די 19-יעהריגע איטא ארדינאנס – אויף א האלב יאהר.

די 16-יעהריגע מאשא ראלינסקא איז פער־משפט געווארען אויף אנ'אומבעשטימטער צייט אויסבעסערונגס-הויז.

ליקווידירט דעם סכסוך איז האכאנובעק

(2) דער סכסוך אין דעם משוגעים-הויז אין קאכאנובעק, וואו מ'האט געוואלט רעדוצירען די לוינען פון די הויף-ארבייטער און די וועכנערינס, איז נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען ליקווידירט געווארען.

אראפגעפאלען פון טראמוואי

(2) נעכטען פארמיטאג איז ארונטערגעפאלען פון צופאהר-טראמוואי לאדז – פאביאניץ דער 27-יעהריגער פויער יוזעף וואיטשיק פון דארף ריכ. לאוויצע הינטער פאביאניץ.

אין א געפעהרליכען צושטאנד האט מען איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל אויף דרעוונאווסקא גאס.

„מאנטע קארלא" אין לאדז

(2) ראג זשעראמסקיעגא און שרודמיעסקא גרופירט זיך זינט עטליכע וואכען א חברה קאמפי־נאטארען, וואס פערנעהמט זיך מיט כל'ערליי קאר־טען-האזארד, אנהויבענדיג מיט'ן „דריי-קארטען"-שווינדעל און ענדיגענדיג מיט „גליק-אפאראטען".

נעכטען האט די חברה שטארק צושלאגען איינעם, וואס האט ביי זיי פערשפילט 30 זלאטעס, און דערנאך ביי זיי צוריק געפאדערט דאס געלד, דערקלעהרענדיג, אז ער איז א געהיים-אגענט...

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז די חברה-לייט ציהען אריין אין די האזארד-שפילען אויך די שול-יוגענד.

א ספארט-סעקציע ביי „וויזא"

ביי דער „וויזא" ארגאניזירט זיך א ספארט־סעקציע, וואו מען וועט לערנען: גימנאסטיק, לייכט-אטלעטיק, ספארט-שפילען, טעניס, שווימען א. א. וו.

אנפיהרען מיט דער סעקציע וועט דער גימנאסטיק- און ספארט-לעהרער, ה' סעגאל.

Kurjer Krawiecki
„GELASSENA"
ul. SIENKIEWICZA 40
telefon 240-80
נעמט אן כעמיש צו וואשען, פוצען, פארבען, אויפצופרישען פרעסען אויך צו רעפערירען אלערארט מענער- דאמען- און קינדער - גארדעראבען ווי אויך קינסטליך צערצווען און ניצעווען געווישענהאפטע אויספיהרונג.
קלינג 240-80

16 פערזאן פערוואונדעט
בעת א שווערער אויטאבוס-קאטאסטראפע

(א) נעכטען איז דער אויטאבוס לד. 81,432 וואס געהערט צו די ה"ה קרישקע און בערשטיין פון פאדעמביץ, און וואס איז 10 אינדערפריה גע־גאנגען מיט'ן שאסעי פון לאדז, דורך אלעקסאנדער, קיין פאדעמביץ – אריינגעפאלען, צוליב א גע־פלאצטער אקס, אין א גרוב.

דער אויטאבוס איז פולשטענדיג צושמעטערט געווארען, און די אלע 16 פאסאזשירען זיינען פערוואונדעט געווארען.

פון זיי – 5 שווער, וועלכע מ'האט אפגע־פיהרט אין אלעקסאנדערער שפיטאל.

פאליציי וועט די שולדיגע צוציהען צו פער־אנטווארטליכקייט.

טאקסובקע איבערגעפאהרען 3 מענשן
אי דער שיכור'ער שאפער פונקציאנירט נישט, אי דער מאטאר אין קאליע

(2) נעכטען ביינאכט איז נעבען „גראנד האטעל", פיעטרקאווער 74, א טאקסובקע מיטאמאל איבערגעפאהרען 3 פערזאן, ווי דהיינו: דער 28-יאהריגער יאקיב קאנטאר (פיעטרקאווער 71), די 48-יאהריגע איטא ווילטשקאוויטש (אנדזשעיא 36) און דער 52-יאהריגער הלל כאדזשקא (ציגעל־נאס 38).

דעם 33-יאהריגען שאפער, יוזעף טלאטשיק האט מען פערהאלטען, און עס האט זיך ארויס־געוויזען, או, ערשטענס, איז ער בעת מעשה גע־ווען שיכור, און, צווייטענס, איז די טאקסובקע שטארק פערנאכלעסיגט און פונקציאנירט נישט גוט.

צו די צוקלאפטע איז ארויסגערופען גע־ווארען פאגאטאוויע.

די אפערע אינ'ם שטעטישער שחט-הויז

(2) ווי מיר האבען שוין געהאט געמאלדען, איז אין דעם שטעטישען שחט-הויז דורכגעפיהרט געווארען א פארמעלע אבלאווע, בעת וועלכער עס זיינען פערהאלטען געווארען אנ'ערך 50 קריסטליכע שחט-ארבייטער, וועלכע האבען, ווי עס ווייזט זיך ארויס, אין משך פון לאנגע יאהרען סיסטעמאטיש בעגנב'עט די קריסטליכע קצבים און דעם שחט-הויז, און די קצבים האבען, מחמת מורא פאר די גנבים, נישט געמאלדען די גאנצע צייט וועגען דעם וואו מען דארף.

די גנבים, ווייזט זיך ארויס, זיינען געווען גוט ארגאניזירט, און האבען געגנב'עט מיט א סיסטעם.

עס איז העכסט-וואהרשיינליך, אז צוליב דעם פאל, וועט די מאכט זיך אויך נעהמען פאר־שען די פערהאלטענישען אינם כאינער און באלוטער שחט-הייזער.

קוויטונגען האט ער דאך צוגעשטעלט
טא וואס זשע, פרעגט זיך, וויל מען פון איהם?

(א) איינער, פישל פייגמאן, וועלכער איז א לענגערע צייט געווען בוכהאלטער און עקספעדיענט אינם קאלאניאל-געוועלב פון פייוויש קליין (זגער־זשער 5) איז נעכטען געשטאנען פאר'ן געריכט, אלס בעשולדיגטער אין צואייגענען זיך דעם בא־לעבאס זיינעמס 870 זלאטעס, וועלכע ער האט אויסגעשווינדעלט דורך אויסשטעלען פאלשע קווי־טונגען אויף כלומרשט איינגעצאהלטע שטייערען א. א. וו.

דער יונגערמאן האט בעקומען א „וויראק" 6 חדשים צו זיצען.

צוויי נייע קאנדידאטען אויף א שטאנד-געריכט

(2) צוויי אונבעקאנטע פערזאנען זיינען געקומען צום פויער סטעפאן זשעלינסקי, אין דארף פאדקאניצע, הינטער טאמאשאוו-ראווסקי, און אפ־געמאכט מיט איהם, אז זיי פערקויפען איהם 2 ראווערען.

זיי האבען זיך אפגערעדט צו טרעפען אויף דער אויטאבוס-סטאציע אין טאמאשאוו.

בעת זשעלינסקי איז אהין געגאנגען, – ביינאכט איז עס געווען, – זיינען איהם די צוויי פערזאנען בעפאלען מיט א רעוואלווער, צוגע־נומען ביי איהם די 500 זל. מזומן-געלד, וואס ער האט ביי זיך געהאט, און זיינען אנטלאפען.

פאליציי האט שוין פערהאלטען א רייה פערדעכטיגע פערזאנען, צווישען וועלכע עס זא־לען זיך אויך געפינען די 2 רויבער, וועלכע עס דראהט געשטעלט צו ווערען פאר א שטאנד־געריכט.

גוט מארגען!

די מעשה מיט'ן „ראק"...

מיר געדענקען נאך די מעשה מיט'ן ווישניאוואגורער „ראק"; מיט איינמאל האט זיך גע־בעך דער געזונטער ווישניאוואגורער וואלד „אוועקגעלעגט" אויף א „ראק" און געלויבט דער אויבערשטער, אז דער ראק איז קיין ראק נישט געווען – ס'איז נאר געווען א קלאנג, א שפיצעל פון קאנקורענטען !..

און אזוי ווי דער הײ-יאהריגער דאטשע־סעזאן איז אביסעל דאסיג, האט זיך חברה א גענ־געטון צו „קלאנגען" – איין דאטשע-ארט פער־שפרייט קלאנגען אויף אנ'אנדערען דאטשע-ארט.

דער ערשטער קרבן איז געפאלען א בע־קאנט דאטשע-ארט, ס'האט עמיצער פערשפרייט א קלאנג, אז מ'האט געשאכטען דעם ארטיגען שוחט, נו האט זיך ארויסגעשטעלט גאר פער־קעהרט, אז דער שוחט – האט געשאכטען א קורטשאק...

איז נגאנגען דאס געליטענע דאטשע-ארט און פערשפרייט א קלאנג, אז אין א צווייטען דאטשע-ארט, האט מען אין וואלד געפונען א מתנה גיפטיגע שלאנגען, וועלכע ליגען בעהאלטען און ווארטען-אפ – א ליעטניטשקע...

ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, געפינען זיך די שלאנגען, נישט אין וואלד, נאר ביים וואסער, און אז די שלאנגען זענען גאר – זשאבעס...

האט ווידער דאס געליטענע דאטשע-ארט פערשפרייט א קלאנג, אז אין דעם און דעם דאטשע־ארט האט מען מאנס געווען א מעדעל. נאך א חקירה ודרישה, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס מעדעל איז געווען א יונג ווייבעל, און מאנס גע־ווען האט זי – איהר אייגענע .. שוויגער.

וואס טוט דאס געליטענע דאטשע-ארט? פערשפרייט זי ווידער א קלאנג, אז אין די וועל־דער ארום דעם בעקאנטען דאטשע-ארט איקס, האט מען בעשיינפערלעך געזעהען ווילדע חיות: א בער, א וואלף, א לייב און א פוקס.

די ידיעה האט זיך טאקע בעשטעטיגט: אין דעם דערמאנטען וואלד, האט מען טאקע די וואך געזעהען א בער (א מאנופאקטוריסט, א מיטגליד פון סוחרים-פעראיין), א וואלף (א דאזאר פון דער קהלה), א לייב (א פרעזעס און א שאצער פון דער שאצונגס-קאמיסיע) און א פוקס (דער דיכטער חיים לייב פוקס).

אט אזוי געהט איצט א סדרה „קלאנגען" — שלאגסטו מיין יוד, שלאג איך דיין יוד, און „אבי האנדעל שעדן"...

אב—נעס.

ביי פערדייאונגס-שוועכע

בלוט-ארומקייט, אפטאנערונג, בלייכזוכט, דריזען-ערקרענ־קונגען, הויט-אויסשלאגען, רעגולירט דאס נאטירליכע ביטער-וואסער

Franciszka Józefa

פארטרעפליך די אזוי-ווילטיגע דארם-טעטיגקייט, עמפפעהלט פון דאקטוירים.

ר. אײזראעל

משפחות אין פלאמען

סענסאציאנעלער ראמאן
פון יודישען פאמיליען-לעבען

(177

— יא, דאס אלץ שטימט, האט די באראנין גע־זאגט, און נישט נאר דאס, גיטעלע ווייספעלד איז געווען נישט בלויז דיין מאמע, נישט בלויז די מאמע פון איצטיגען אויספארשונגס-ריכטער ביא־לאפאלסקי, נאר אויך מיין מאמע...

מרים איז געווען נאהענט צום חלש'ען, זי איז געפאלען דידן אין די ארימעס, דיד, וועלכער איז געווען אינגאנצען צומישט פון דעם וואס איז פאר־געקומען, האט אוועקגעזעצט מרימען אויף א דער־בעבענדיגען שטוהל און דאן האט ער זיך איי־אניש אנגערופען

— אפשר וועל איך אויך זיין באלד א זוהן פון גיטעלע ווייספעלד...

— דאס נישט, האט די באראנין געענטפערט, אבער אנ'אנדערע ראל האב איך יא פאר אייך אין דער דאזיגער טראגעדיע

דיד האט בעשלאסען צו אינטערוועניר'ען, ענער גיש, אזוי ווי ער האט אין געוויסע פאלען געקענט זיין, האט ער זיך געווענדעט צו דער באראנין.

— איך האב זיך ביז איצט נישט אנגערופען און נישט געוואלט שטער'ען אין דעם וואס איהר נעהמט אונטער, איך האב זיך צוגעקוקט און צוגע־הערט צו דעם אלעם וואס דא קומט פאר. אבער דעם אמת מוז איך אייך זאגען, אז איך האב גאר־נישט פערשטאנען דערפון וואס איהר ווילט בעצוועק'ען מיט איירע אלע אראנזשירונגען און אונטער־נעהמונגען, איך האב געווארט אויפ'ן סוף, וואס דערפון וועט זיך אויסשפילען, איצט זעה איך, אז איהר האט עפעס א צוועק אין דעם אלעם וואס איהר טוט, איך וואלט אייך דעריבער געבעטען, אז איהר זאלט זיין אויפריכטיג, אז איהר זאלט נישט בעה־האלטען פאר אונז גארנישט, מיר זענען גרייט, יעדענפאלס זאג איך דאס אין מיין נאמען, אויף דער ערגסטער עוונטואליטעט, אבער מיר ווילען זיך נישט שפילען אין בעהעלטענישען און אין רעטעני־שען, שוין גענוג איז דאס געווען ביז איצט, ווייטער קען דאס נישט אזוי געהען, אייערע ענטדעקונגען די כלומרשטע פערשטעהט זיך, זענען איצט נישט אויפ'ן ארט, און איך וואלט אייך געבעטען קלאר׳ע דיבורים.

די באראנין האט געשמייכעלט, זי האט מיט דער גרעסטער ענטציקונג געקוקט אויף דידן און אויף זיין ענערגישער שטעלונג און זי האט זיך אנגערופען

— איך וויל מיט צופרידענהייט פעסטשטעלען, אז איך בעוואונדער אייער מוט, עהרליכקייט און אויפריכטיגקייט, איך האב קיינמאל נישט געגלויבט אין דעם, איך האב זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט, אז איהר וועט קענען אויף דעם אופן ארויסטרעטען, אבער איך פערזיכער אייך, אז איך בין זעהר שטארק צופרידען דערפון, אבער לוידער, מיין טייער דיד, נישט אריינג טירט אין דער לאגע, צום גליק פאר אונז אלע קען איך איצט אינגאנצען אויפריכטיג און דאס וואס איהר הערט דא, געפינט ווי שרעקליך און ווי מאדנע דאס זאל נישט זיין, איז אמת.

די באראנין האט דאס געזאגט מיט אזא עהר־ליכען און אמתען טאן, אז דאס האט אפילו צומישט דידן

דער אויספארשונגס-ריכטער, וועלכער איז ביז איצט געזעסען מיט'ן קאפ איינגעגראבען אין זיינע הענד, האט איצט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט

— וואס בנוגע מיר, איז די דאזיגע פרוי גע־רעכט, איך ווייס, אז איך בין א זוהן פון גיטעלע ווייספעלד, פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע פרוי, הע'ט מוזען בעווייזען מיט דאקומענטען, אלץ וואס זי זאגט, אבער איך האב דעם איינדרוק אז אלץ איז דאך אמת, מיר איז איצט לייכטער געווארען, א ווי שווער דאס האט מיך געדריקט אין דעם גאנצען לעבען, א ווי איך האב זיך געוואלט בעפרייען פון דעם שווערען סוד, וואס איך האב געטראגען, איצט איז מיר שוין לייכטער געווארען, איצט וואלט איך שוין געוואלט וויסען דעם גאנצען אמת און מיט דעם דאזיגען אמת ווייטער לעבען

ביאלאפאלסקי האט געקוקט אויף דער באראנין

— אט די דאזיגע פרוי האט ער זיך געטראכט, מיט וועלכער איך האב זיך אזוי ענטציקט, וועלכע איך האב אזוי שטארק בעוואונדערט, אין וועלכע איך האב זיך פשוט פערליבט, איז מיין שוועסטער?

און באלד האט זיך איהם געדוכט, אז ער זעהט און בעמערקט פיל עהנליכקייט צווישען איהר און איהם און אפילו צווישען איהם אליין און מרימען, וועלכע איז געזעסען און געקוקט מיט מאר־טע אויגען אויף אלע און נישט פערשטאנען וואס דא קומט פאר

— פערשטעהט זיך, האט די באראנין געזאגט, אז איך וועל דאס אלץ בעווייזען מיט דאקומענ־טען, דערווייל האב איך געוואלט, אז איהר זאלט זיך געוואוינען צו דעם געדאנק, אז אזוי איז עס און אז איהר נישט אנדערש, איך האב מיר דעם ענין אנ־געהערט פארגעשטעלט, איך האב געמיינט, אז מיט'ן מאמענט, ווען איך וועל דערמאהנען אז איך בין מרימס א שוועסטער, וועט זי מיר פאלען אין די ארימס און מיר וועלען זיך צוקושען און האלזען, אזוי ווי ס'פאסט פאר צוויי שוועסטער, וועלכע האבען קיינמאל נישט געוואוסט, אז זיי זענען שוועסטער דערווייל זעה איך, אז מרים קוקט אויף מיר מיט אזא אונצוטרוי, ווי איך וואלט איהר גע־וואלט אוועקרויבען עפעס א הייליג געפיהל וואס זי האט ביז איצט געטראגען אין זיך, דאס וויל איך בשום אופן נישט טון, איבריגענס קען איך דיד, ליבע שוועסטער מרים, פערזיכערען, אז דיד איז אמת פון אונזער משפחה, אבער נישט אזוי ווייט, אז איך זאל קענען און דארפען צורויבען דיין גע־פיהל בנוגע איהם און פערקעהרט

די לאגע איז געווען צופיל געשפאנט, אז מ'זאל זיך איצט קענען שפילען אין ווערטער און אריינ־גען זיך קאמפלימענטען. די באראנין האט געמוזט וואס גיכער גלייכשטעלען דעם ענין, אז ער זאל ווערען פולשטענדיג קלאר, דעריבער האט זי ארויס־גענומען פון איהר טאש א זאך־געפעלטיג צונעלעגט פאפיר, געדיכט אנגעשריבען און געזאגט

— אט דאס איז די צוואה פון אונזער מאמען גיטעלע, פון דאנען וועט אונז אלץ קלאר ווערען און ס'וועט נישט בלייבען קיין שום ספק וועגען עפעס, דאס וועט צושטרייען אלע צווייפלען און מיר וועלען זיך בערוהיגען.

(סוף קומט)

טאמאשאוו וויל ווערען לייט

אזוי אז נישט טאמאשאוו זאל זיין פון בושעזשינער קרייז, נאר פערקעהרט

(2) די זעלבסטפערוואלטונג פון טאמאשאוו־מאזאוויעצקי בעמיהט זיך שוין זינט א לענגערע צייט, אז די הויפט־שטאט פון קרייז זאל זיין נישט בושעזשין נאר טאמאשאוו:

וועגען דעם ענין איז שוין בשעתו אוועק א געהעריגער מעמאריאל אין אינערן־מיניסטעריום. און אינ'ם מעמאריאל ווערט אנגעוויזען, אז על פי שכל און על פי יושר קומט עס, אז טאמאשאוו זאל ווערען די הויפט־שטאט פונ'ם קרייז.

בעת אינ'ם גאנצען קרייז וואוינען 120,000 נפשות — וואוינען אין טאמאשאוו אליין 40 טויזענד, און אין בושעזשין — 10 טויזענד נפשות.

וועגען דעמזעלבען ענין איז אויך די טעג פארגעקומען א קאנפערענץ אין וואיעוואדען־אמט מיט דער בעטייליגונג פון טאמאשאווער פארשטע־הער — דעם דארטיגען שטאט־פרעזידענט, דעם דירעקטאר פון דער קונסט־זייד־פאבריק, ה' הערץ און די אדוואקאטען גריגאשינסקי און פרוכט.

די דעלעגאציע האט בעקומען די פאר־זיכערונג, אז דער וואיעוואדען־אמט אין לאדז וועט נישט מאכען קיין מניעות צו רעאליזירען די טאמאשאווער קאנצעפציע.

דער ביודזשעט פון דער שטאט לאדז ווערט גענוי געפרשט

(א) נעכטען איז אין לאדזשער וואיעוואדען־אמט פארגעקומען א קאנפערענץ, געווידמעט דער גענויער אויספארשונג פון דעם לאדזער ביודזשעט אויפן יאהר 1933/34.

נאך דעם, ווי דער ביודזשעט, וועט נאכ־קאנטראלירט ווערען, וועט ער אריבערגעשיקט ווע־רען אין אינערן־מיניסטעריום צו דער ענדגילטיגער בעשטעטיגונג.

זעלבסטמארדען

(2) נעכטען האט אויסגע־טרונקען סם די 28־יעהריגע מאריא גאלקאווסקא (אויף אטילי 11).

פאגאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אין ראדאגאשטשער שפיטאל.

(2) אין פיעטרקאוו האט זיך דערשאסען אויף טוים דער גימנאזיסט פון 6 קלאס — טאדעאוש ראשטשישעווסקי. די סיבה — שלעכטע שטודען.

(2) אויף טאפאלאווא 19 האט זיך אריינגע־שאסען א קויל אין קאפ דער 29־יעהריגער אר־בייטסלאזער יוזעף סימא (טאפאלאווא 19). אין א זעהר שווערען צושטאנד האט איהם פאגאטאוויע אפגעפיהרט אין שפיטאל.

15־יעהריגער יובילעאום פון די באראכאוו־שולען

ווי ס'איז שוין געמאלדען געווארען, ווערט היי־יאהר 15 יאהר, צייט ס'עקזיסטירט די היגע באראכאוו־שולען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט צוגעגרייט א גרויסע יובילעאום פייערונג, וועלכע וועט פאר־קומען שבת ד. 20 מאי אין „סקאלא".

די פייערונג איז אויך פערבונדען מיט א גרויסער קינדער־פארשטעלונג, אויף וועלכער ס'וועלען ארויסטרעטען מיט א רייך־פראגראם די שילער פון די היגע באראכאוו־שולען (באראכאוו־שול שרודמיעסקא 7 און פרץ־שול פלאץ קאשטשעלנא 4) אין פראגראם וועלען אויך אנטיילנעמען די קינדער פון שרעק קינדער־היים.

דאקטוירים זאגען

אז דאס בעסטע ארט פאר זומער־וואוינונג אין דער לאדזער אומגעגענד פאר דערוואקסענע און קינ־דער — איז פאדעמביע, ווייל דאס ארט געפינט זיך אין בערגיגען, טרוקענעם, סאסנאווען־וואלד און בעזיצט אלע מעגליכע היגענישע און געזונדהייטס־מעלות.

היינט — די יאהרצייט פון לאדזער רב הגאון ר' אליעזר יהודה טרייסטמאן זצ"ל

היינט דינסטאג קומט אויס די 13־טע יאהר צייט פון לעצטען לאדזער רב הגאון רבי אליעזר יהודה טרייסטמאן זצ"ל.

אין צוזאמענהאנג מיט דער יאהרצייט, איז פאריגען שבת פארגעקומען אין די לאדזער שוהלען א פייערליכע הזכרה.

די הזכרה אויפן קבר פון רב ז"ל וועט פאר־קומען היינט פינקטליך 11 א זייגער.

אויך זיי באיקאטירען...

(א) לויט ווי עס אינפארמירט די גרעניץ־מאכט, ווערט לעצטענס אבסערווירט א מערקוויר־דיגע דערשיינונג: עס האט זיך, נעמליך, כמעט אינגאנצען אפגעשטעלט דער שמוגעל פון דייטשע סחורות.

די סיבה איז א קלאהרע: עס לוינט זיך נישט די שמוגלער צו ריזיקירען, בעת עס זענען דא קנאפ אפנעהמער אויף די באיקאטירטע סחורות.

גומי־קארטעל ווערט ליקווידירט

(א) ווי מיר דערוויסען זיך האלט עס איצט ביי דער ענטגילטיגער ליקווידאציע פון דעם גומי־קארטעל.

DOKTOR

H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 4, טעל. 90־216

ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און וועגערישע קראנקהייטען, מענער־שוואכע. אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.

נעמט אן פון 8—2 און פון 5־9 אוועגד.

בעזונדערע ווארטע־צימער פאר פרויען.

ראדיא־פראגראם

דינסטאג, דעם 9 מאי 1933

11.40 פרעסע־איבערזיכט. 11,50 מעטעא־ראלאגישער קאמוניקאט. 11,57 צייט־סיגנאל. 12,05 טאג־פראגראם. 12,10 גראמאפאן. 1,20 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. 3,10 עקספארט־קאמוניקאט. 3,15 ווירטשאפטליכער קאמוניקאט. 3,25 לופט־פליה און געגען־גאז. 3,30 קאמוניקא־טען. 3,35 „צווישען ביכער". 3,50 גראמאפאן־פליטען. 4,25 פארלעזונג. 5.00 סימפאנישער קאנצערט. 5,55 טאג־פראגראם. 6,00 לייכטע מוזיק. 6,45 ידיעות. 6,50 פערשידענעס. 7,10 קאמוניקאט פון דער האנדעלס־קאמער. 7,30 פעליעטאן. 7,20 ראדיא־פרעסע. 7,30 „קווא־ווארדיס". בעת דער ערשטער פויזע — רעפארטאזש, 2־טע פויזע — ספארט, ראדיא־פרעסע, 3־טע פויזע — ליטעראריסע פארטעלשעה.

אויסלאנד

5.25 מאסקווא — אפערע „ריגאלעטא" 5,25 מאסקווא — אפערע פון רימסקי קארסאקאוו. 7 קע־ניגסוואוסטערהאוזען און לייפציג — אודיציע לכבוד שילער'ס אנדענק. 7.30 בודאפעשט — אפערע „מאסקענבאל". 740 לאנדאן — אפערעטען שטראוס 8 קאפענהאגען — אפערעטקע „טשארדאש פירש־טין" פון קאלמאן. 9 פאריז — אפערעטקע „א. פאפא". 9.20 מינכען — סימפ. קאנצערט.

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי	—	—	—	72.50
3 פראצענטיגע בוראוולאנע			—	37.50
4 „	דאלארובקא		—	47.75
7 „	סטאביליזאציע (אמ.)			59.50
8 „	ווארשאווער פאנד־בריף			38.50
8 „	לאדזער	„	„	35.00
ענגלישע פונט	—	—	—	30.20
דאלאר — אפיצ. 7.50,	נישט אפיצ.		—	7.40
גאלד־דאלאר	—	—	—	9.43
גאלד־רובל —	—	—	—	5.00
דייטשער מארק	—	—	—	2.05

Dr. Z. RAKOWSKI

ספעציאליסט פאר אויערען, נאז, האלז און לונגען־קראנקהייטען

11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)

טעל 81־127

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 11—1 און פון 2—3 נאכמ.

אויגען־קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221־72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען־קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוועגד.

פרומקייט און ווילדע אויסגע־לאסענקייט איז איין ארט אין שפאניען

(ענדע פון דער 5־טער זייט)

סקאנדאלען אזעלכע זענען געווען פערמישט מיטגלי־דער פון דער לעצטער קעניגליכער פאמיליע.

וועגען דעם קעניג אליין, וועגען אלפאנזא'ן רעדט מען, אז ער איז גראד געווען אנ'אנשטענדי־גער אין אזעלכע זאכען. אדרום איהם זענען אבער געווען אנדערע באטורען.

דורך דער רעפובליק דערוויסט מען זיך א סך זאכען. כאטש די רעפובליק איז אין א קאמף מיט דער קלויסטער־וועלט, דערצעהלען מאגאכען די פיהרער פון דער רעפובליק פון פיל סיטואציעס אין זייערע בעהאלטענע וועלטלעך.

עס האלט שוין ביי דעם, אז דער מאנאסטיר זאל זיך אינגאנצען פערמאכען. אהן שטיצע פון דער רעגירונג, און די אריסטאקראטישע פאמיליעס איר בערגעבראכען דורך פיל ענדערונגען אין לאנד, עקא באמישע ווי גייסטיגע, קען דער מאנאסטיר נישט עקזיסטירען.

• • • •

אין איין מאנאסטער־הויף, וואס מען האט אפ־געטיילט פון די אנדערע הויפען, האט מען געפונען א שטיין מיט א'ויסגעקריצטע לשון־קודש ווערטער אויף איהם — „למה אדוני תעמוד ברחוק"... א האלבער פסוק פון תהילים.

דאס האט מען נאך געפונען לעצטען יאהר, און דער שטיין איז איצט אינ'ם סעווילער שטאט מוזעאום.

א פעסטונג פון דער אלטער שפאניע איז דער מאנאסטיר געווען — די שפאניע פון אינקוויזיציעס און פון אנ'אפגעשטאנענער קלויסטער־וועלט נאך היינט צו טאג — און קללות און חרמות אויף יודען זענען פון דער פעסטונג ארויסגעקומען, און איצט פאלט זי. די נייע שפאניע וועט איהר אומברענגען...

היינט און פאלג. טעג!

פיקאנטער פיל מיט הומאר און קאמישע סיטואציעס פילם, אונטער'ן נאמען:

גן־עדן פון שטיפעריגס

רעזשי: **Mac Fritz** אין די הויפט־ראלען:

ANNA ONDRA
KAROL LAMACZ

אויסער'ן פראגראם: סלאנג־צוגאבע און אקטואליטעטען פון לאנד.

נעכסטער פראגראם: „זוהן פון אינדיען" מיט **Ramon Novarro**

אנהויב 4.30 נ"מ; שבת, זונטאג 1 בייטאג. הנחה־בילעטען גילטיג אהן בעגרענצונגען

אלעבען איז שטורם

זכרונות פון בערימטען יודיש־רוסישען רעוואלוציאנער

וולאדימיר יאכעלסאן

(3

איצט וועל איך איבערגעהען צו מיין לעבען אין דער היים. איך פלעג קומען אהיים אין זומער — פאר זון־אונטערגאנג, און ווינטער — אין אוועגט. דער בעהעלפער פלעגט אונז ווינטער־צייט אפפיה־רען אהיים מיט א לאמטערן, אין וועלכער עס פלעגט ברענען א שטיקעל ליכט, וואס אין איבער־געבליבען פון די חלבנע ליכט, ביי וועלכע מיר פלעגען לערנען אין חדר. יעדער יונגעל פלעגט דארפען ברענגען אין חדר אזא ליכט צום לערנען. ארום דער צייט, ווען איך פלעג קומען אהיים, פלעגט אויך אנקומען דער פאטער, פון דער פוטער (פאר) קראם. אזוי ווי ער איז געווען דער שפייזער פון דער פאמיליע, פלעגט מען איהם דערלאנגען עסען ביי א בעזונ־דערען טיש, מען פלעגט איהם געבען געברא־טענס אדער א קאטלעט, און די קינדער פלעגט מען געבען זופ מיט ברויט.

פון קיין קינדער־שפילעכלעך האבען מיר נישט געוואוסט און שפילען זיך פלעגען מיר שטיל, אז דער טאטע זאל נישט שרייען אויף אונז, אז מיר מאכען טומעל, אין אונזער הויז האבען געוואוינט פאליאקען, און אויפ'ן הויף וואו עס איז געווען א בארטענדזשל, האט מען אונז נישט אראפגעלאזען, צו־ליב די פוילישע קינדער, אבער וועגען דעם וועל איך דערצעהלען שפעטער.

שבת אינדערפריה, פלעגען מיר אוועקגעהן אין שוהל אהן פריהשטיק, דערפאר אבער פלעגט מען אונז נאכ'ן דאווענען געבען א געשמאקען מיטאג מיט פערשידענע פארשפייזען: געפילטע פיש, צי־מעס, טשאלענט און קוגעל. נאכ'ן מיטאג פלעגען דער טאטע און די מאמע זיך צולייגען אין צווייטען צימער, און די קינדער פלעגען זיך דארפען לייגען אויף צוויי בריטע בעטען. אויף א ברייטער באנק פלעגט זיך לייגען די דינסט. און הינטער א ווענטעל ביים אויווען פלעגט שלאפען די באבע, דעם טאטענס מוטער.

די באבע דערציילט וואונדער־מעשות וועגען דעם ווילנער גאון

עס פערשטעהט זיך, אז די קינדער האט זיך נישט געוואלט שלאפען בייטאג און גאנץ אפט פלעגט ארויסקומען פון שלאף־צימער דער פאטער און שמייסען אונז מיט דער יארמולקע איבער די קעפ און באקען, אז מיר זאלען נישט שטערען די על־טערע שלאפען. וואס פאר א פריידען האבען מיר, קינדער, געהאט אויסער די געשמאקע עסענס און די י'ום־טובים? די איינציגע פריידען וואס איך דערמאן זיך, זענען געווען די נייע אנצוגען, וואס מען פלעגט אונז מאכען אויף פסח, און די בעציהונג צו אונז פון דער באבען.

מיט'ן פולען בעוואוסטזיין פון אונזער ווירדע פלעגען מיר פסח געהען אין שוהל, יעדעריער אין א לאנגער קאפאטע מיט א שפאלט פון הינטען און מיט א היטעל און מיט א גלאנציגען קאזירעק.

די באבע איז געווען זעהר אלט. דער פאטער איז געווען דער יונגסטער פון איהרע קינדער. זי איז געווען אין א געוויסען זין א מערקווירדיגע פרוי. זי פלעגט זיך פערנעהמען מיטן פערשידענע צדקה ארבייטען. ביים אריינגאנג צום בית־עולם פלעגט זי שטעהען מיט א טיכעל אין די הענט און קליי־בען פאר ארימעלייט, פאר יתומים, פאר דער תלמוד תורה א.א.וו., מען האט זי געהאלטען פאר א היילגע.

זי האט געהאלטען ביים פאטער איהרע אייגענע געלד, וואס איז איהר געבליבען נאכ'ן זיידענס טויט. זי פלעגט אונז אפט קויפען נאשערייען. איך גע־דענק, ווי אנגענעהם עס איז מיר געווען צו פיה־לען איהר צורונצעלטע באק אויף מיין פנים. אונזער גרעסטער פערגעניגען איז געווען צו הערען אין די אווענטען איהרע מעשות וועגען גאטספארכטיגע לייט און אלערליי נסים. זי האט געהאלטען דעם ווילנער גאון פאר איהרען א ווייטען קרוב און זי האט מיט דעם שטארק שטאלצירט. און וויפיל געשיכטעס זי האט דאס געקענט דערצעהלען וועגען איהם!

דער גאון האט קיין מינוט נישט פערלוירען אויף פוסטע רייד און זייטיגע זאכען. ער איז אלע מאל געווען אריינגעטון אין תורה. פונדעסטוועגען האט ער אויך געקענט פרעמדע שפראכען און וועלט־ליכע וויסענשאפטען, ווי יעדער פרומער יוד, האט ער געליטען פון מערידען. אין די צייטען ווען ער האט נישט געקאנט לערנען תורה, האט ער גע־לערנט אלערליי וויסענשאפטען.

אלע יודען האלטען פאר א חוב ביי א לוויה צו בעגלייטען דעם נפטר א שטיקעל וועג צו דער אמת'ער וועלט, דער גאון האט אויף דעם נישט גע־וואלט פטרען זיין טייערע צייט, פלעגט ער עפענען א פענסטער און מיט די אויגען בעגלייטען דעם טוי־טען. איינמאל איז פערבייגעגאנגען א לוויה פון אנ'־ארימען אונטער־שמש, האט דער גאון, צו אלעמענס ערשטוינונג, ארויפגעכאפט אויף זיך דעם מאנטעל און קאפעליוש און איז מיטגעגאנגען מיט דער לוויה, ווען זיינע תלמידים האבען איהם געפרעגט פארוואס ער גיט אפ דעם אונטער־שמש אזוי פיל אויפמערק־זאמקייט און כבוד, האט ער זיי געענטפערט: „איהר זעהט דען נישט, אז אויפ'ן פערד, וואס פיהרט דעם ארון, זיצט רייטענדיג דוד המלך מיט דער קרוין אויפ'ן קאפ?" און זיי האבען אויך דערזעהען, וואר־רים דער אונטער־שמש האט זיין גאנצען לעבען נישט אויפגעהערט זאגען תהילים, די פסאלמען פון דוד המלך.

איין מופת וואס דער ווילנער גאון האט בא־וויזען, האט זיך פאר איהם געענדיגט נישט אנגע־נעהם. ער האט נישט געוואלט האבען קיין בעדי־נער. ער פלעגט זאגען, אז דאס איז פונקט ווי הא־בען א קנעכט, און האבען א קנעכט האט די תורה פערבאטען. פלעגען איהם זיינע תלמידים העלפען אויף ווי ווייט זיי האבען נאר געקענט. זיי פלעגען איהם דערלאנגען דעם מאנטעל, דעם שטעקען א.א.וו. דעם גאון איז דאס געווען שווער צוצוזעהען. האט ער גענומען און האט אויסגעקלעפט פון ליים א מענשליכע געשטאלט און האט אריינגעבלאזען אין דעם לעבען, מען האט דעם דאזיגען ליימענעם מענש א נאמען געגעבען „ליימענער גולם". די ערשטע צייט האט דער ליימענער גולם ווי געהעריג געדינט דעם ווילנער גאון, זיין בעשאפער. אבער אזוי ווי קיין אמת'ע נשמה האט ער נישט געהאט האט ער באלד אנגעהויבען אפטון, מיאוסע זאכען הינטער דעם גאונס רוקען, דער גאון האט ענדליך איינגעזעהען אז ער מוז פטור ווערען פון דעם גולם, און ער האט איהם צובראכען.

די שטיקלעך פון דעם צובראכענעם גולם האבען זיך א לאנגע צייט געוואלגערט אויפ'ן גאונס הויף און זענען געווען א פארוואורף דעם גאון, הלמאי ער האט זיך גענומען דאס רעכט צו בע־שאפען א לעבעדיגע זאך, — א רעכט, וואס געהערט נאר גאט, דעם בעשאפער פון דער וועלט. דאס האט געפלאגט דעם גאון און האט איהם פערקירצט זיינע יאהרען.

(ווייטער מארגען).

עלטערן!

פערשרייבט אייערע קינדער אין דער

1) 7=קל. פאלקס-שול א. נ. פון באראכאוו
שרודמיעסקא 7

2) 7=קל. פאלקס-שול א. נ. פון פרץ
פלאץ קאשטשעלני 4

עס ווערן אנגענומען קינדער אין עלטער פון 6 ביז 14 יאהר.
קוראטאריום פון די באראכאוו-שולען. 2415

Doktór
ŁAGUNOWSKI
powrócił
Piotrkowska 70
i róg Traugutta
Tel. 181-83.
choroby skórne
weneryczne
i moczopłciowe
Gabinet Roentgenoleczniczy.
Przyjmuje od 8^{30} do 10 1 — 2^{30}, od 6 do 8^{30} w w niedzielę i święta od 10–1.
Oddzielna poczekalnia dla pań.

DRUSKIENIKI
Zdrojowisko solankowe i leśna stacja klimatyczna

בעזיצט מאדערנע איינריכטונגען צו זאלץ-בעדער, קויהלען-זויער אויף זאלץ, מלען, שוויטענדיגע און בראווזן. גינעקאלאגישע געביטען, לאבאראטאריומס, עלעקטרא-טעראפישע אפטיילונגען, וואסער-טרינק-האלע, אנשטאלט פאר היילונג מיט זון, לופט און בעוועגונג מיט שוים-באסעגס. וואסער-פאל אויף ראטניטשנע און פראושע איבערן ניעמאן, וואסער-ספארטען.

דער סעזאן הויבט זיך אן פון 15 מאי ביז'ן 30 סעפטעמבער. די פרייזען פון דארט זמן און היילונג זענען זעהר קליינע. — פראספעקטען שיקט ארויס און אינפארמאציעס ערטיילט:

w Druskienikach — Komisja Zdrojowa
w Warszawie—Związek Uzdrowisk Polskich, Ś-to Krzyska 17, tel. 434-38.

זיכערע הילף און א רפואה!

אהן אפעראציע, אהן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף ברוכען, פאר מענער, פרויען און קינדער, פערשידענע קאליקעס אין גוף, פאר הויקערס און פיס.

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער חיג-קעל-ברוך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער ווי א וואסער-יאו און עס פאלט אראפ אין דעם פיס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעלע גומענע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר דאקטאר בראכירערגיד בע-זאמיגע: זיכער דעם שווערסטען און פערעלטערטען ברוך, אויך פאר הויקערס, לייטונגען פיס הייל-גארטעלען און אפאראטען פאר פערקרומטע פיס און פלאט-פיס, ספעציעלע איינלאגען אין



די שיך, קינסטליכע גומענע פיס, הענד און גומענע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.
עמפפאנגט פון 9 פריה ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אווענד.

ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT, Ortoped
von Lemberg **Łódź, Wólczańska 10**, tel. 221-77 front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס - פראפעסארען: פראפ. ד"ר בארגאטש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. דר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

דעם ה' דיר. י. ראפאפארט, וואוינהאפט אין לאדז, וואלטשאנסקא 10 דריק איך אויס מיין הערציגסטען דאנק פאר דעם זארגפעלטיג אנגעלעגטען באנדאזש אויף מיין פערעלטערטען ברוך, אויף וואס כ'בין אפעריערט געווארען 2 מאל.

(—) **Dr. Berghof, lekarz.**

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo **Warszawa, Fredry 4.**

אויפפאדערונג!

איך פאדער אויף דעם לאקאטאר לייב וואלמאן פון קאמיעננא 2, ער זאל מיר בעצאהלען ביז דעם פרייטאג, דעם 12. מאי דאס דירה-געלד, וואס מיר קומט פון איהם פאר 2¼ יאהר, פון וואס איך האב 2 סאנדאווע ווירעקען. אין נעגעפאל וועל איך זיין געצוואונגען אויסצופיהרען די עקסמיסיע, וואס איך האב אויף איהם, און וואס איך נעהם ארויס פון מיר די פעראנטווארטליכקייט.
דער ווירט פון קאמיענא 2 — 2409

לעבער אויף דער מאשין

ווערען אנגענומען אויסצונייען ביי
ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

DR. MED.
Z. LEWINSON
כירורג

אררינאטאר פון שפיטאל אויף דרעוונאווסקא
נעהמט איצט אן אויף
פיעטריקאווער 86, פראנט 2. שטאק
פון 3—5 נאכמ. 1780

שייטלען
מיט פאריזער שרינדעי

ווי אויך פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט צו ביליגע פרייזען און אנדולאציע
ביי קערש, סקווערא 15

א לאנגיעהריגער
מיליטער-בעאמטער

ערטיילט אייך עצות און אנווייזונגען פאר צוריקגעקומענע פון אויסלאנד וועלכע האבען צוליב וועלכע עס איז סיבות נישט דורכגעמאכט דאס מיליטער-דינסט. :—: ספעציאליסט אין שרייבען פון ביטעס פאר
איינציגע שפיזערס
ב. מאז פיעטריקאווער 10

Dr. med.
M. TAUBENHAUS
פרויען-קראנקהייטען און אקושעריע
זגערזשער 11, טעל. 246-09
נעהמט אן פון 4–8 אווענד. 1789

לעצט און שטענדיג!
מיין פאפולערע
קונסט-פאטאגראפישע אנשטאלט
„פאלאניא"
שוו. יערזשעגא 11

וואס איז גוט בעקאנט אין לאדז מיט די גוטע ארבייט, האט רעדוצירט די פרייזען אויף אלע ארט פאטאגראפיעס כמעט בחנם. פון אויטאמאטישע ביז די גרעסטע בילדער זענען די פרייזען זעהר נידריג, דערצו בעקומט דער קליענט א מתנה א שפיגעל מיט זיין פאטאגראפיע צו יעדע אויפנאהמע, וואס ער פאטאגראפירט זיך גאר.
בעמ.: אויפן פערלאנג פון די ג' קליענטען, גיב איך צו די אויפנאהמעס זעהר שעהנע קאסטיומען פון טעאטער געגנצליך בחנם

מיט אכטונג
ארטיסט. פאטאגראפ. אטעליער
„POLONIA"
לאדז, יעזשענא 11
איגה. דיפל. פאטאגר. גוטערמאן — צופאהר מיטן טראמוואי נומ' 3.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער 1 זלאטי

כירורגישער קאבינעט
Dr. Szreiber
איז בעווארען איבערגעטראגען אויף
Narutowicza № 9
tel. 122-95.
אפעראציעס, אפאטראקעס, האלז ושילטקעס או"ח
היילאנשטאלט-פרייזען.

די אפטיילונג פון פעראיין פון פלעגער-הילף און מאסאזש אין לאדז, אויף
פיעטריקאווער 79
טעל. 221-55 עמפפעהלט קוואליפיצירטע פלעגערינס און פלעגערס. מאסאזשיסטקעס און מאסאזשיסטען.
פאר דער ארימער בעפעלקערונג גענצליך אומזיסטע הילף.

לעטשניצע
פון דאקטוירים ספעציאליסטען און דענטיסטישער קאבינעט
11 בזשעזשינער 11
טעלעפאן 137-63
עס נעמען אן דאקטוירים ספעציאליסטען שיפמאן, וואלינסקי, שמירגעלד, קערשנער, שמערלאווסקי, סלאבאדסקי, זאלצוואסער, איציקזאן, סראמאווסקי, יאסובזאן און דענטיסטין סטאראפאלסקא.
ווידיט 3 זל.

צוועקצוגעבען א שטוב מיט 2 פענסטער, פארטער, אין הויף. צו ערפאהרען וו. כאדניא 26, ביים ווערטער. 2425

פרייע פאסטענס

ארבייטער און געהילפען צו קינדער און האנד-ארבייט ווערען געברויכט ביי קליין, פיעטריקאווער 131. 2423

פערשידענעס

א פאבריק פון מינעראל- און סאדע-וואסער און לעמאניאד זוכט א שותף. — אפערטען אין אדמ. אונטער „פראפיט".

עס ווערט געזוכט פון זאפארט א גוטע מאדיסטקע, ווי אויך א פארדענטשנע צו היטען ביי שפירא, פיעטריקאווער 14.

ראקאלעז

גענוצטע ווינער שטיהל פון 50 ביז 100 שטיק ווערט געזוכט צו קויפען. צו מעלדען אין קאנצעלאריע פון אינטערנאט אין העלענובעק, קילינסקיעגא 105. 2417

2 צימער און קיך מיט בעקוועהמליכקייטען זאפארט צו פערמיטען. אלטע 1-טער מאי 71, ביים ווירט. 2410

דעם הער, וואס האט דורך א טעות בעקומען א פעקעל דעם 8/V פון הויז נארוטאוויטשא 31 פון פרוי פלעך, בעט מען צו זיין אזוי גוט. און אבצוברענגען אהין פאר א בעלוינונג. 2413

איך זוך א פראנט-געוועלב אויפ'ן גרינעם מארק. צו ווענדן זיך טעלעפאניש נומ' 240-18. 2411

עס איז אוועקצוגעבען אנ'ארט פאר א ווערקשטעל פאר א שניידער. צו ערפאהרען אין אדמיניסטר. 2412

Zaginiony został kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej na imię Izraela Stolarskiego, zam. przy ul. Zakątnej 30 na sumę zł. 10.—

אויף ביליג דירה-געלד איז איבערצוגעבען אין צענטרום פון גרינעם מארק א געוועלב מיט 2 צימער און קיך, געאייגנעט אויף אלעם. צו ערפאהרען ביי וואלבערג, גרינער מארק 5. 2420

Zaginiony został portfel i dowód osobisty na imię Aron Szmul Hendlisz oraz los loteryjny Nr. 11251. Zwrócić takowe do Hendlisza, Wesoła 12.

צו פערדינגען אין בעסטען צענטרום פראנט, נאוואמיעסקא א שטוב אויף א געשעפט און אויך צו וואוינען אדער צו שלאפען פאר א פארפאלק. צו ערקונדיגען ביי לאנדא, פולנאצנא 12. 2401

Zaginiony został kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej Poż. Kon. na zł. 40.— z dn. 18/XI 1924 za Nr. 5123 na imię Sz. Gozdzik, Zawadzka 21. 2424

Dr. med.
HALTRECHT
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון פון 2—3 און פון 6.30 ביז 8 אוונט. זונטאג פון 10—1 בייטאג
אלעס ארט אנאליזען.
פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע-פרייזן

DR. MED.
M. Glazer
הויט און ווענערישע קראנקהייטען
וואוינט יעצט אויף
ZACHODNIA 64
Telefon 185-49
נעהמט אן פון 12 ביז 2 און פון 7 ביז 8.30 אווענד. 1697
זונטאג און פייערטאג פון 10 ביז 12 מיטאג

Dr. med.
Berman
צעגעלניאנא 15. טעל. 149-07.
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען, מענער-שוואכע - בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.
נעמט אן פון 8—11 פריה און 4—8 אווענד, זונטאג פון 9—1 בייטאג.
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען.

לעטשניצע
זגערזשער 17
נעהמט אן קראנקע אין אלע ספעציאליטעטן
פון 9 פריה ביז 7 א זייגער אוונט.
ווידיט 3 זל.

Dr. S. KANTOR
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען
וואוינט יעצט
Piotrkowska 90, tel. 129-45
נעהמט אן פון 8—2 נאכמ. און 4—9 אווענד, זונטאג און יום-טוב פון 8—2 נאכמ.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטן
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקהייטען, און מענער-שוואכע. אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפילים און טריפער.
קאנסיליום מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערווען-קראנקהייטען.
קווארץ-לאמפען עלעקטרישער הייל-קאבינעט, קאסמעטיק.
— טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אווענד. — פון 11 ביז 12 בייטאג און פון 2 ביז 3 נ.מ. נעמט אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען, זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמ.
בעזונדערע ווארטע צימער פאר פרויען.
ווידיט 3 זל.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה
פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער ווייט' שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . 60— . . . 4
זאכ'ן טעקסט—12 . . . . 18— . . .
אויסער דער שטאדט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ (אין דער ווייט' שפאלטען)
קליינע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס איבעריגע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז:
אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען א היים. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדריקען די אנאנס אדער צוריקצוצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און פאר'ן מין פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg — Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.